1954

די וועלט איז פול מיט נסים [illegible]
מעשה [illegible] ב״ה 1955

# ייִדישער מיטאָס

## (הקדמה)

.1

פרויד, יונג און זייערע תלמידים האָבן פֿאַמעלער אָנגעהויבן אויפֿצודעקן די טונקלענישן פֿון דעם אומבאַוווסטן אין אונדז און די גאָר ווייטע און גאָר באַהאַלטענע קאָנטינענטן פֿון דער נשמה. זיי האָבן אַנטפּלעקט סיי אירע אינדיווידועלע און סיי אירע קאָלעקטיווע דימענסיעס.

מיר האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן צו באַקומען אַנדערע השגות וואָס שייך דעם מענטש און זיין מעמד אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט.

ווערליק אונדזערע אַמאָליקע השגות איז די געשיכטע געגאַנגען איר וועג אויף אַן, — אַזוי גערופֿענע — ליניע פֿון אַנטוויקלונג. אַט די ליניע האָט זיך אָנגעהויבן ערגיץ ביי אַ פּרימיטיווער אלף און זי האָט זיך באַדאַרפֿט ענדיקן מן־הסתם ערגיץ ביי אַ תיו.

ווערליק אונדזער היינטיקן קוק־ווינקל האָט זיך די אַנטוויקלונגס־ליניע אָנגעהויבן צו ברעכן אין איר געשטאַלט ווי אַ שטריך אין דער צייט. זי האָט אָנגעהויבן צו באַקומען די צורה פֿון אַן עיגול. דער מענטש איז געוואָרן עפּעס אַזוינס ווי אַ קנויל פֿון אָנגעזאַמלטע קעגנוואַרטיקייטן. דער סוף מיטן אָנהויב האָבן זיך צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ ן א י י נ ס.

דער מענטש וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אַליין מיט זיין וויסן און מיט זיין ווילן האָט אָנגעהויבן אויסצוקוקן ווי אַ פּינטעלע

covenantal history = linear

contemp. view is ~~cyclical~~ - circular

פון אַן עפּעס וואָס איז אַרומגענומען מיט אומצאָליקע טונקעלע כו־
חות און מיט אומצאָליקע טונקעלע וויסענישן. טונקעלע וויסענישן?
אַנדערש קאָן מען נישט אָנרופן אָט יענע וויסנס אין די קאָנטינענטן
פון דעם אומבאַוווסטן. וויסנס, וואָס ווייסן, דוכט זיך, גאָר נישט
און ווייסן, דוכט זיך, אַלצדינג.

וואָס באַלאַנגט דער אַלטער לערע פון אַ ליניע — וואָס ציט זיך
פון אַ ן א ו נ ט ן צו אַ ן א ו י ב ן — האָבן מיר געהאַט אַ
פּשוטע סכעמע און אַ פּראָסטן שניידערישן חשבון; די דימענסיע
פון מענטשלעכן לעבן באַשטייט פון דריי קלאָר־באַלויכטענע חלקים:
פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און דער מירצעשעם פון אַ צוקונפט.
דאָס לעבן פונעם פּערזענלעכן מענטש האָבן מיר טאַקע גענומען ווי
אַ משל פאַר דער מענטשלעכער געשיכטע אין אַלגעמיינעם.

און עס איז אויך געווען אַ פּראָסטער שניידערישער חשבון.

ווען דער מענטש איז אַ קינד ליגט ער אין אַ וויגל און איז
גרייליך געגליכן צו דער בהמה אויפן פעלד. ער קאָן נישט רעדן
און נישט טראַכטן. שפּעטער וואַקסט ער אויס פון די קינדער־שיכ־
לעך און קאָן שוין יאָ רעדן און טראַכטן. שפּעטער ווערט ער אַלט.
שפּעטער שטאַרבט ער און עס ווערט פון אים שטויב — ווי עס
זאָגן די פריידענקער — אָדער ער גייט — ווידליק די טעאָלאָגן
— אַריין אין גיהנום צי אין אַ גן־עדן און מוז דאָרט אָפּגעבן דין־
וחשבון פאַר זיינע מעשים.

די אַלטע מיטאָסן אין פאָלקס־מעשיות האָבן מיר פּשוט באַ־
טראַכט ווי פּרימיטיווע נאַרישע פלוידערייען וועגן דער וועלט, אי־
רע גאָטהייטן און אירע שיקזאַלן וואָס דער מענטש האָט עפּעס
דאָרט געבעבעט ווען ער איז נאָך אַן אומוויסנדיקער געלעגן אין
דעם וויגל פון דער געשיכטע.

אין די קאָנטינענטן פון אומבאַוווסטן וואָס די לעצטע תקופה
האָט אונדז אַנטדעקט — און עס זענען ערשט אָנהייבן פון יענע
טונקעלע וויטעניישן וואָס נעמען אַרום אונדזער באַוווסט וויסן און
טראַכטן — האָבן מיר געזען נייע צ ו ז אַ מ ע נ ה א נ ג ע ן



וואָס בינדן צו זיך צו דעם מענטש. מיר זענען געוואָרן געצייט מסופּק
צו זיין אין אונדזער סכעמע וועגן אַ ליניע וואָס האָט אַן אָנהייב
און אפשר אויך אַ סוף. ווער ווייסט צי אָט די סכעמע שטימט מיט
די פאַקטן פון דער היסטאָרישער פאַקטישקייט? אין דעם ע י ג ו ל
פון אומענדלעכע געשעענישן אין וועלכן עס לעבט דאָס פינטעלע
סאָמענט פון אונדזער אָנזעעוודיק מענטשלעך לעבן — דאָרט זענען
מיר נישט אין ערגעץ דאָס וויגל ווו מיר זענען מכלומרשט געלעגן
אין די ווינדעלעך פון אַ פּרימיטיוו. עס שיינט גאָר אויסצוקוקן, אַז
מיר זענען געבוירן געוואָרן ווי אַלטע דערפאַרענע פילאָזאָפן און
באַלד פון סאַמע אָנהייב האָבן מיר געטראַכט די טיפסטע מחשבות
וועגן דער וועלט. מיר האָבן אָבער אונדזערע מחשבות נישט אויס־
געדריקט אין לאָגישע באַגריפן, נייערט אין בילדער און אין גלייכע־
נישן. מיר האָבן אונדזערע וויסענישן נישט צעגלידערט אין סיסטע־
מען. מיר האָבן זיי דערציילט ווי מעשיות און ווי מיטישע גע־
שעענישן. דערביי האָבן מיר פאַרדינט, וואָס נישט בלויז דאָס וויסן
פאַר וועלכן מיר האָבן געהאַט אַ באַגריף, נאָר אפילו אונדזערע
אָנונגען האָבן מיר געקאָנט אַרויסנעמען פון די טונקלענישן און זיי
אַריינלייגן אין אונדזערע מעשיות און געשטאַלטן ווי טייערן ווין
אין גאָלדענע באָקאָלן.

ווייל מיר האָבן דעמאָלט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן דעם
באַגריף פון פאַרשטאַנד און דעם אָנעניש פון געמיט — זענען מיר
דעריבער געווען בכוח צו שאַפן דאָס גרעסטע מיט וועלכן די
מענטשהייט האָט דערגרייכט דעם כוח היצירה פון די גאָטהייטן,
— מיר האָבן איבערגעשטאַלטיקט די וועלט אין די געפעסן פון אונ־
דזערע אויסדרוקן. און דאָס זענען נעמלעך די מיטישע אויסדרוקן
פון דער שפּראַך.

ווייל מיר זענען דעמאָלט געווען ווייניקער מעכאַניזירט ווי
היינט צו טאָג, זענען מיר געווען ווייניקער אַ ב ע ר ג ל ו י ב ע־
ר י ש אין אונדזערע השגות און מער געוווסט אונטערצושיידן
צווישן דעם שאַבלאָן און דעם צייכן. דערימער האָבן מיר געוווסט
אַזוי פיל צו דערציילן פון אונדזער וויסן וועגן דער וועלט.

.2

אויף די קאָנטינענטן פונעם אומבאַוווסטן — צו וועלכע די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע האָט דערווייל קוים געעפנט אַ שפּאַלט פון אַ טירל — דאָרט ליגן נאָך די ביכער פון די אַלטע מיטאָסן ווי אויסגעשפּרייטע מעשי-בראשית.

פּאַמעלעך הייבן מיר אָן משיג צו זיין וואָס מען איז אויסן געווען צו לערנען אין די מיסטעריעס פון עלויזים, אין די טעמפּלען פון אַלטן מצרים און אויף די שטאַפּל-טורעמס פון בבל. וואָס עס האָט אונדז געלאָזט הערן די יידיש-מיטישע קאָנסטרוקציע פון קאָסמאָס ווי מיר געפינען זיך אין די סודות פון דער קבלה.

מען האָט דאָרט געלערנט צו באַנעמען די טיפע השגות פון דער מענטשהייט וואָס שייך די דימענסיעס פונעם אייביקן און אומענדלעכן — השגות וואָס מען קאָן זיי נישט אויסדריקן סיידן אין די ג ע ש ט אַ ל ט ן פון דער וועלט און אין די גלייכענישן וואָס זענען דורכוים גענומען פון די בילדער פון אונדזערע אויגן און פון די זעענישן און אַנונגען פון אונדזער פאַנטאַזיע. נאָר אין דעם שלל פון די דאָזיקע משלים און צייכענעס האָבן מיר געקאָנט זאָגן און אויסדריקן דאָס וואָס עס איז בשום אופן נישט מעגלעך צו דערציילן אויף דעם קליינעם שטח פון אונדזער באַוווסטקייט.

שפּעטער זענען מיר אַוועקגעגאַנגען פון אָט די בראשית-קוואַלן פון דערקענטעניש און מיר האָבן זיך איינגערעדט צו ווערן קלוגער און זעעוודיקער.

ניין. מיר זענען געוואָרן נאַרישער און בלינדער.

ווער ווייסט צי מען האָט אונדז בגוואַלד אַוועקגעטריבן פון יענער גן-עדן-שפּע פון מחשבות? — צי מיר זענען פרייוויליק פון דאָרט אַוועקגעגאַנגען און איינגעשרומפּן געוואָרן אין אַ קטנות פון באַנעמונג.



.3

מן-הסתם געהער עס צו דער פּיראַמידע פון דער געשיכטע וואָס דער מאָדערנער מענטש האָט זיינע פּראָגרעסיווע דערקענטענישן פאַרקירעוועט אויף אַ וו יי ט ע ר וואָס איז צוגלייך אַ צ ו ר י ק-וו ע ג. ער האָט די אָ נ ה יי ב ן פון זיין וועג אָנגעהויבן צו פאַרבינדן — זאָל איך זאָגן — מיט די ס ו פ ן פון זיין וועג? אפשר יאָ. אפשר וועט דאָס לעצטע דערקענטעניש זיין דאָס דערקענטעניש צו פאַרענדיקן דאָס קרייז-ראָד פון דער געשיכטע און צוריק אַריינצוקומען אין די גן-עדנדיקע מחשבות פון דעם אָנהייב — און אַזוי אַרום צו פאַרענדיקן דעם ע פּ אָ ס מ ע נ ט ש אויף די פליינען פון דעם קאָסמאָס?

דאָס זענען אָבער אַבסטראַקטע חקירות וואָס פירן צוריק צו די טונקלענישן פון די שיקזאַלן פון דעם אומבאַוווסטן.

.4

אויך אין דער יידישער געשיכטע האָבן מיר אָנגעהויבן צוריקצוגיין צו די אומבאַוווסטע קאָנטינענטן וואָס נעמען אַרום דעם יידישן מענטש און דאָס יידישע פאָלק. די קלאָר-און-באַוווסט אויספאָרמירטע יידישע באַגריפן ווי מיר געפינען זיי אין דער טעאָלאָגישער און חקירהשער ליטעראַטור האָבן אָנגעהויבן אונדז ווייניק צו דערציילן וועגן דעם קיום-געהיימניש פון יידן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן דאָס א יי ב י ק ע פון יידן נישט בלויז דאָרטן ווו עס דריקט זיך אויס אין די ערפורכטיק-געלערנטע בלעטער פון דער אויפגעשריבענער יידישקייט. דאָס גרויסע, — דאָס גרויסע וואָס איז תמיד אומבאַוווסט און איז נייערט אַנונג, — האָבן מיר אָנגעהויבן צו זוכן אין די קליינע טאָג-טעגלעכע מעשים פון יידישן מענטש, אין דעם שטייגער פון זיין לעבן און אין דעם אופן פון זיין אוממיטלבאַרן רעאַגירן אויף דער וועלט.

מיר האָבן אַ מיטאָס, אַ יידישן מיטאָס פון אָט דעם אומבאַוווסטן און טיף-געאַנטן וויסעניש. און דאָס איז די שפּראַך יידיש, דאָס לשון יידיש.

איך ווייס נישט צי אין אַן אַנדער שפּראַך פון די שפּראַכן וואָס יידן האָבן גערעדט אין זייער געשיכטע — און אפשר אויך נישט דאָס ביבלישע העברעאיש — האָבן יידן אַריינגעגאָסן אַזאַ שפע פון זייערע געבלוטן און זאָפטן ווי אין דעם לשון יידיש. יידיש האָבן יידן אָנגעהויבן צו רעדן בעת זייער גאַנג אין דער וועלט און זייער וועלט-שיקזאַל האָבן דערגרייכט צו אַ באַזונדערער שטופּע אין דער פּיראַמידע פון זייער נאַציאָנאַל-פּסיכישן אויפבוי. זיי זענען געהאַט דערגאַנגען צו אַ מדרגה, וואָס מיט איר טראַגישקייט, שוווּנג און דימענסיעס האָט זי ממש אויפגעריסן אַלע קוואַלן און קוואַלעכלעך פון יידישן געמיט. יידיש איז געשאַפן געוואָרן ווען יידישער קיום איז געווען אַ סינטעז פון אַ וועלט-נצחון און אַ וועלט-אומקום און אַ גאַנג צווישן לעבן און טויט. — אין אָט דער פאַרביקער סימפאָניע פון יידישן קיום האָבן אַלע סטרונעס פון דער יידישער נשמה אויפגעציטערט און אויפגעשפּילט. דאָס ליכטיקע און דאָס טונקעלע אין יידן. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע אין יידן. דאָס סימפּאַטישע און אומסימפּאַטישע אין יידן. די דערהויבנקייטן און די געפאַלנקייטן פון יידן. די זעלבסט-זיכערקייט און דער זעלבסט-אָפּשפּעט אין יידן. דער העראָאיזם פון לעבן און דער שפּלותדיקער פּחד פון יאוש און זעלבסט-פאַרלייקענונג. אַלע שטורעם-ווינטן פון דער וועלט האָבן געבלאָזן אויף די סטרונעס פון יידישן געמיט ווען דאָס לשון יידיש איז געבוירן געוואָרן און געוואַקסן.

יידן קאָן מען אין ערגעץ נישט בעסער דערקענען ווי אין דעם מיטאָס פון דער שפּראַך יידיש. אין די ריטמוסן און אין די בילדער און נשמה-ניואַנסן פון אָט דעם ווונדערלעכן לשון וואָס איז אויף אויסנווייניק אַזוי אָרעם און אויף אינעווייניק אַזוי רייך. — יידיש איז פול מיט די עשרותן פון דעם באַוווסטן און אומבאַוווסטן פון דעם פאָלק ישראל.



אין יידיש טרעפן מיר יידן אויף אַ מדריגה פון אַ גרויסער היסטאָרישער רייפקייט.

## .5

די פאָלקס-מעשיות פון אַ נאַציע ווי אויך איר שפּעטערע סובלימירטע ליטעראַטור זענען נייערט אָרגאַנישע אויסוווקסן און פּראָדוקטן פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. זיי געהערן צו איר עצם און קומען אַרויס פון אירע קוואַלן. די פאָלקס-מעשיות זענען נאָך די אַנאָנימע שאַפונגען פונעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו און באַלאַנגען כמעט צו דער קאָלעקטיווער אומבאַוווסטקייט פון דער נאַציע. פּונקט ווי די שפּראַך. די שפּעטערע סובלימירטע ליטעראַטור איז שוין מער אַן איכ׳ישע טאַט פון אַ נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט. הגם זי איז אינדיווידועל — ווערט זי אָבער דורכויס געשאַפן אויפן קאָלעקטיוון — פּסיכישן — באָדן פון דער שפּראַך.

ווילן מיר זען יידישע מענטשן ווי זיי קוקן אויס אינעם באַוווסטן און אומבאַוווסטן פון זייער קיום, מוז מען זיי נאָר זען אין דעם אָפּשיין פון די דריי ממעמקים: יידיש לשון, יידישע פאָלקס-מעשיות און יידישע ליטעראַטור.

אין יידיש לשון האָבן מיר די שפע פון אַ טאָטאַלער יידישער גאַנצקייט ווי זי שפּילט זיך אָפּ אויף פאַרשידענע דימענסיעס. שפּראַך געהער אין עצם צו די שאַפערישקייטן פון דעם אומבאַוווסטן. די פאָלקס-מעשיות שטייען צווישן די טונקלעניש פון דעם אומבאַוווסטן און די ליכטיקייטן פונעם באַוווסטן. אין די פאָלקס-מעשיות האָבן מיר אַ באַנעמונג פון דער וועלט ווי זי דריקט זיך אויס אין דער דראַמאַטישער דיאַלעקטיק פון געמיט, דאָס הייסט אין טראַגישן און אין קאָמישן. הינטער די שלייערן פון אַ קינדישער נאַאיוויטעט האָבן מיר דאָרט זייער אַ טיפע דערפאַרונג וועגן דער וועלט. די נאַציאָנאַלע און מיקלאָמפּערשט גראָטעסקע

פאָלקס-פאַנטאַזיע דערציילט אונדז פון אירע דערפאַרונגען און דער־קענטעניש.

די סובלימירטע ליטעראַטור איז שוין דער ציל-באַוווסטער וועג פון אַ נאַציאָנאַלער אידעע. זי וויל עפּעס אויסן זיין מיט איר עקזיסטענץ.

י. י. טרונק

ניו־יאָרק, יוני 1954.



# פיר מעשיות

.1

פיר מעשיות זענען מיר געוועזן —
האָבן מיר געהאַנדלט מיט יידן.
מיט בוידן און מיט סוסים
זענען מיר געפאָרן אויף אַלערליי יאַרידן.
זענען מיר געפאָרן קיין לייפּציג, קיין רעמסס און קיין פּיתום
און איבער אַנדערע מרחקים פון קרוין־פוילן.
מיר האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין זוילן.
מיר האָבן אומעטום פאַרקויפט טשיפּקעס
און געקויפט נסים.
מיר דערציילן ריינעם אמת־ויציב,
נישט צופיל און נישט צו ווייניק,
כדי צו פאַרשאַפן אייך תענוג.

Feb. 1960
Elijah-as-mythic-synthesis 247-50
The Collective Jew 259-

## נ יי נ ט ע ר  ט יי ל

# דיאַלאָגן צווישן לייענער און מחבר

### ערשטער דיאַלאָג

ל יי ע נ ע ר :

— איך האָב פאַרענדיקט צו לייענען אייער ראָמאַן. דערזען דאָס וואָרט „סוף“ בין איך פאַרבליבן אַנטוישט. גראָד דעמאָלט ווען איר שרייבט „סוף“ הייבן זיך ערשט די געשעענישן אָן צו אַנטוויקלען מיט זייער אימפּעט און מיט זייער טראַגעדיע. שבתי־צבי פאַראַט זיין שליחות. ווערט אָפּטריניק. די ייִדן וואָס גלויבן אין אים ווערן אָבער נישט אָפּטריניק צו דער וויזיע פון גאולה. די שבתי־צבי־באַוועגונג וויגט זיך פאַנאַנדער איבער אַלע ייִדישע תפוצות אויפן פּלאַנעט.

— פאַר די ייִדישע ראַציאָנאַליסטן האָט די באַוועגונג שבתי־צבי נישט געשטימט ווערדליק דעם ווי עס שטייט אויפגעשריבן אין די ספרים וועגן משיח און נבואה. די צייכנס פון דער גאולה האָבן נישט געשטימט ווערדליק דעם רמב״ם און די פּוסקים. די גאולה האָט זיך נישט געוויזן אין קיין רעאַלע פאַקטן. די הימלען האָבן נישט געגעבן קיין סימנים. זי האָט זיך באַזירט אויפן הוילן פאַנאַטישן גלויבן. פאַר די הונדערט־פּראָצענטיקע ראַציאָנאַליסטישע ייִדן איז שבתי־צביס פאַראַט געווען וואַסער אויף דער מיל. זיי האָבן געטייטלט מיט די פינגער: מיר האָבן פון פאָרויס אַלצדינג געזאָגט. מיר האָבן נאָכגעקוקט אין די ספרים. מיר האָבן זיך ערשטע דאָרט דערוווּסט דאָס ריכטיקע פונעם ריכטיקסטן.

— דאָס מיטישע געפיל פון דער ייִדישער מאַסע האָט געהאַט אויפגעפלאַקערט פון אַלע אירע תהומות. ס׳האָט שוין מער גאָר נישט געקאָנט אַנטוישן. די ייִדן פון מיטאָס זענען איבערפולט געווען מיט דערוואַרטונג און האָבן אין די טראַגישע פאַקטן באַלד געזען וויזיאָנערישע קעגנפאַקטן צום גוטן און צום רעכטן. ווי פאַרשידנאַרטיק לאָזט זיך אויסטייטשן דאָס איראַציאָנעלע! מן־הסתם איז דאָס ברויזנדיקע גאולה־געפיל אין מענטשלעכע הערצער פיל שטאַרקער — און אויך דערלייזערישער — ווי די ווירקלעכע פאַקטישע גאולה.

— ווען די גרויסע געשעענישן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוּוויקלען אין דעם שוישפּיל פון ייִדישער געשיכטע, לאָזט איר מחבר אַראָפּ די פאָרהאַנג און פאַרשווינדט מיר פון די אויגן אָן אַ זיי־געזונט.





מ ח ב ר :

— אין אַ סך פון אייערע ווערטער וואָס שייך גאולה־וויזיע און פאַקטישער גאולה האָט איר זיך אַליין געגעבן אַן ענטפער. נאָר אַ האַלבן ענטפער. דעם ראָמאַן האָב איך געשריבן בלויז מיט דער כוונה צו ווייזן די פּערזאָנען וועלכע האָבן געשטויסן פאָרויס די געשעענישן וואָס אַנטוויקלען זיך ווייטער. ווייטער געשעט אַלצדינג אומאָפּהענגיק פון די ראָמאַן־העלדן. זיי האָבן געעפנט טירן וואָס האָבן זיך אויפגעריסן פון זיך אַליין. מיינע פּערזאָנען שטייען נאָר ווי אייגנאַרטיקע מיטשפּילער אויף די צעלויכטענע פאָדערגרונטן פון אַ נייער און פאַרטיפערטער ייִדישער געשיכטע. די געשעענישן קלערן זיך ווי אַ שניי־לאַווינע אין די אַלפּן־בערג. זיי האָבן נאָך נישט אויפגעהערט צו ווירקן ביז אונדזערע היינטיקע טעג. מיינע העלדן זענען אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון דער בינע. זיי זענען פאַרבליבן נישט מער ווי אומהיימלעכע שאָטנס פונעם ייִדישן מיטאָס. ווערדליק די טענדענצן פון מיין ראָמאַן האָב איך עס געפונען פאַר איבעריק צו דערציילן פון דעם וואָס איז שפּעטער פאָרגעקומען מיט שבתי־צבי און זיין באַוועגונג. אַפילו זיין פאַראַט האָט שוין מער נישט געשפּילט קיין דיאַלעקטישע ראָלע אין דער דראַמע פון דער ייִדישער געשיכטע.

ל יי ע נ ע ר :

— מיר האָבן געהאַט נאָך אַ משיח־פּערזאָן. ער האָט גראָד נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ געוואַלדיקע וועלט־באַוועגונג. איך מיין ישו הנוצרין. קאָנט איר מיר זאָגן דעם חילוק צווישן שבתי־צבי און ישו הנוצרי?

מ ח ב ר :

— מעגלעך, אַז אין זיינע אָנהייבן האָבן ישו הנוצרי און זיינע אַפּאָסטאָלן אויך אַ ריר געטון דעם ייִדישן פאָלקס־מיטאָס וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים פאַנאַנדערפּענען מיט זיינע גאולה־וויזיעס. די צייט ביי ייִדן איז דעמאָלט בכלל געווען אַ מיטישע און וויזיאָנערישע. מיר האָבן דערפון גענוג שפּורן אין די אגדות און מדרשים. דאָס ייִדישע טראַכטעניש האָט זיך דעמאָלט אַנטפּלעקט אין געשטאַלטן פון אַ ייִדיש־גנאָסטישע סימבאָליק. דאָס א ו מ ב אַ וו ו ס ט ע ביי ייִדן האָט געעפנט אירע תהומות. מיר הערן עס אין דעם געפּליסטער וועגן מעשי־בראשית און מעשי־מרכבה און אין אַנדערע קאָנסטרוקטיווע סימבאָלן וואָס שייך אינערלעך־מענטשלעכע וועלט־פּראָבלעמען. וועלט־פּראָבלעמען זענען אין ייִדישן מיטאָס אידענטיש מיט משיח־פּראָבלעמען. דעמאָלט, ווי אויך שפּעטער, האָט מען זיך באַמיט גונז צו זיין און אויסצובאַהאַלטן די וועלט־סימבאָליק פון ייִדישער מחשבה. עס איז נישט קלאָר ווער עס האָט עס געטון. דאָס זעלבסט־דערהאַלטונגס־געפיל פון ייִדישן קיום האָט זיך געוואָלט אָפּגרענעצן פון קריסטנטום

וואָס האָט פאַרפּלייצט די היידענישע פעלקער. אין אָט דעם רענעסאַנס־מבול פון היידנטום וואָלט דער קיום פון ייִדן געווען אַוועקגעשווימען ווי אַ בלעטעלע אין אויפגעשטורעמטע וואַסערן.

— דאָס ייִדישע „אור־קריסטנטום" איז טאָטאַל אויפגעצויגן געוואָרן אין היידענישער מיסטיק. היידענישע מיסטיק און היידענישע פאָרשטעלונגען וועגן גאָטהייט און וועלט זענען די פּסיכאָלאָגישע אור־יסודות פון אמתן קריסטנטום, ווי אַ רעליגיעזע באַוועגונג וואָס האָט איינגענומען די נשמות פון דער מערב־וועלט. עס איז אַבסאָלוט פאַלש זיך איינצורעדן, אַז דאָס זיגרייכע קריסטנטום איז דאָס כלומרשטע קינד פון ייִדנטום און אַז די גויִים זענען ייִדן שולדיק עפּעס אַ רבי־געלט. וועלט־ייִדנטום און וועלט־קריסטנטום האָבן צווישן זיך נישט דאָס מינדסטע שייכות אין דער מיטישער דיאַלעקטיק. אויב עס געפינען זיך אין די עוואַנגעליומס ענלעכע שפּרוכן ווי אין די ייִדישע מדרשים, האָט עס גאָרנישט צו זאָגן וועגן עפּעס אַן אָרגאַנישער געמיינזאַמקייט. אַ סך פעלקער און קולטורן האָבן געמיינזאַמע שפּרוכן פון לעבנס־דערפאַרונג, אָבער זיי ווערן פון אַ יעדן באַזונדערן פאָלק און קולטור אַנדערש אויסגעטייטשט און פאַרשטאַנען. דיביידע נשמה־וועלטן, — ייִדנטום און קריסטנטום, — זענען זיך פּונקט אַזוי פרעמד און אומהיימלעך ווי דאָס ייִדנטום און היידנטום. אומהיימלעכקייטן באַשאַפן קעגנזייטיקע שנאה צו זיך. דאָס איז גוט באַקאַנט פון דער געשיכטע און פון דער פּסיכאָלאָגיע.

—אַזוי ווייט וועגן ישו הנוצרי און דעם קריסטנטום.

— שבתי־צבי איז געבליבן אין די גרענעצן פון דער ייִדישער נאַציע. זיינע פרייע און רעוואָלוציאָנערע מחשבות האָבן נאָר געהאַט אַ שייכות צו די פּערספּעקטיוון פון ייִדישער געשיכטע. צו ייִדישער תורה און צו ייִדישער גאָטהייט. זיינע וועלט־אויסבליקן אין משיח־וויזיעס — ביי זייערע אַלמענטשלעכע אידעאַלן — זענען פאָרט פאַרבליבן אין די גרענעצן פון אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן קיום. שבתי־צביס פּאַראַט איז געווען אַ צוריקגאַנג צו אַמביוואַלענטע זעלישע טונקלענישן. ער האָט זיך אויסגעלאָשן ווי אַ פייער־פאַקל אין שטורעם־ווינטן. אַפילו זיין באַטייט אַלס אמתער צי פאַלשער משיח־פּערזאָן האָט אין ייִדישן היסטאָרישן געדעכעניש נישט אָנגענומען קיין אויסגעשפּראָכענע צורה. עס איז נאָך אים פאַרבליבן נישט מער ווי די אומהיימלעכקייט פון דעם שאָטן פון נחש־הקדמוני. שבתי־צבי האָט פאַראַטן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין כוח חרוב צו מאַכן דאָס ייִדנטום, ווי דער אַפּאָסטאָל שאָול פון תרשיש. ער איז אינערלעך צעריסן געוואָרן צווישן אַ הימל און אַן ערד.





## צווייטער דיאַלאָג

לייענער:

— ווערדליק אייך קומט אויס, אַז שבתי־צבי איז געווען בלויז אַ שטאַרקער פּסיכאָלאָגישער עפּיזאָד אינמיטן פון גרויסע באַוועגונגען וואָס זענען געשען פאַר אים און זענען שפּעטער געשען נאָך אים. נישט מער ווי אַן אינדזל וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פון ברייטע און ווייטע מיטיש־ייִדישע וואַסערן. אויפגעטויכט און פאַרשוווּנדן. קאָנט איר מיר אויספירלעכער זאָגן וואָס איר מיינט?

מחבר:

— דיווירקלעכקייט איז בלי־שיעור קלענער ווי די מעגלעכקייט. דאָס וואָרע פון דעם ווירקלעכן איז רעלאַטיוו וואָר. וואָר אין דער אויסדוכטעניש. פּאָקטישע ווירקלעכקייט איז אַ קליינער הרף־עין אין אַ שלל פון דימענסיעס וואָס זענען אומענדלעך און באַוועגן זיך אין דעם אומענדלעכן. בלויז די וואָרהייט פון דעם פאַרשידנאַרטיק־מעגלעכן איז אַבסאָלוט. זי גילט און עקזיסטירט אין דעם אומענדלעכן פון באַדינגונגען און דימענסיעס. די ווירקלעכקייט איז אַ ווינציקער צמצום פון אַ ווינציקן יש. די מעגלעכקייט איז אַ פאַרשידנאַרטיקער יש, וואָס איז באַלויכטן פון דעם אַבסאָלוטן „אפס". אַ יש אין אַן אַיִן. די העכסטע און די פאַרהוילנסטע גאָטהייט הייסט „אפס". ווערדליק שיטות אין דער שפּעטערע קבלה קומט אויס, אַז דער אלהי־ישראל איז אַ נאַציאָנאַלע מעגלעכקייט אינמיטן — און איבער — דער נאַציאָנאַלער ווירקלעכקייט פון ייִדן. ייִדן זענען דער „יש" אין די דימענסיעס פון זיין „אַיִן". די סיבה־ראשונה, דער אָנהייב פון אַלע אָנהייבן, דער ווילן פון אַלע ווילנס, די מעגלעכקייט פון אַלע מעגלעכקייטן, איז דער „אפס" ווי אַ געשטאַלטלאָזער און נאָמענלאָזער אַבסאָלוט. מיר קאָנען נאָר משיג זיין דעם אלהי־ישראל, אָבער מיר קאָנען נישט משיג זיין דעם „אפס".

— פאַראַן אַ לאָגיק פון דעם ווירקלעכן. אָט־אָ די לאָגיק גילט נייערט אויף אַ קליינעם צמצום. זי גילט אויפן שטח פון דער פּראַקטישער דערפאַרונג. פאַראַן אַ צווייטע לאָגיק פון דער מאַטעמאַטיק. זי איז אַ שאַרפערע און קלאָרערע לאָגיק — און גילט אויך אויף מעטאַפיזישע דימענסיעס. די מאַטעמאַטיק איז די לאָגיק פון אָן אַ שיעור מעגלעכקייטן. פאַר דער פּראַקטישער לאָגיק פונעם צמצום איז דער רוים און די נול אַ נעגאַטיווער גאָרנישט. פאַר דער מאַטעמאַטיק — פּונקט ווי פאַר דעם מיטאָס — זענען רוים און נול קאָנסטרוקציעס פון אומענדלעכע מעגלעכקייטן. רוים און נול זענען אויך פאַר דער גאָטהייט „אפס" קאָנסטרוקציעס פון אומצייליקע וועלט־יצירות.

לייענער:

— וואָס האָט עס אַ שייכות צו מיינע פראַגעס?

מחבר:

— עס האָט אַ גרויסן שייכות. איידער איך וועל אויספירלעכער רעדן וועגן יידישן מיטאָס, וויל איך צום ערשטן באַרירן פראָבלעמען פון יידישן מאָנאָטעיזם און זייער שייכות צו מיטישער וועלט־סימבאָליק.

לייענער:

— לאָמיר הערן.

מחבר:

— אין זיינע תחילתדיקע טענדענצן איז דער יידישער מאָנאָטעיזם געווען אַ רעאַקציע אויף די סימבאָלישע רעליגיעס *). די א״ג היידענישע רעליגיעס וואָס האָבן דעמאָלט, אין אַלטערטום, פול געמאַכט דאָס לעבן פון די פעלקער. עס איז פאַראַן אַן אייביק געזעץ אין דער וועלט: יעדע זאַך פאַרלירט פאַמעלעך זיינע אור־שפרינגלעכע שורשים. די פרייהייטן פון דער אַנונגספולער פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלען זיך פאַמעלעך אין טויטע מעכאַניזירטע ריטוסן. זבחי־מתים. ווען דער מאָנאָטעיזם — אין זיין יידישער פאָרעם — איז אויפגעקומען איז די היידענישע וועלט פול געווען מיט ריטוסן פון אַ געשטאָרבענער סימבאָליק. פון די אַמאָליקע גאָט־הייטן — וואָס זענען אויך געבוירן געוואָרן אין דעם פילהייט־שפיל

*) אין אַלטערטום האָבן די געטער פון די פעלקער באַלאַנגט צום נאַציאָנאַלן מיטאָס, ד״ה זיי זענען געווען די מעטאַפיזישע געשטאַלטן פון דער נאַציע אויף אַנדערע דימענסיעס. די געטער אין די וואַלקנס, אויפן אָלימפּ און אין דער אויבער־וועלט און אונטער־וועלט האָבן זיך ווידער־געשפּראָכן אין זייער אינדיווידועלן עצם באַגלייך די סתירות פון די פעלקער אונטן אויף דער ערד. דער אלהי־ישראל פאַרלייקנט נישט די עקזיסטענץ פון די אלהים־אחרים. ער וואָרנט בלויז יידן נישט צו פאַראַטן דאָס געשטאַלט פון זייער עצם אין דעם געשטאַלט פון דער יידישער גאָטהייט. מיט אָט דעם פאַראַט לעשן זיי אויס דעם מיטאָס פון זייער קאָלעקטיוון אומבאַוווסטן און דערמיט — זייער איבערדימענסיאָנעלע עקזיסטענץ.

אין זייער מאָנאָטעיסטישע רעוואָלוציע האָבן די נביאים געוואָלט אַרויסגיין פון די לאַנד־גרענעצן פון אַ גאָט־געשטאַלט צו אַ קאָסמישער גרענעצלאָזיקייט פון אַ גאָטהייט. זיי האָבן געפרוווט צו מאַכן אַ סינטעז פון דעם „אלהי־ישראל” מיט דעם גע־שטאַלטלאָזן „אפס”. פונעם קאָסמישן „יש” האָבן זיי געוואָלט מאַכן אַ קאָסמישן „אין”.

העכסט וואַרשיינלעך זענען דאָס געווען די פסיכאָלאָגישע שוועריקייטן וואָס די נביאים האָבן אָנגעטראָפן בעת זיי האָבן מיט דעם דאָזיקן סינטעז געוואָלט איבערבויען דאָס נשמה־בילד פון די יידישע מאַסן אין די צייטן פון בית־ראשון.





פון אַן אַבסאָלוטער איינס — זענען געוואָרן געצן און גולמס. ווי אַ יעדע רעאַקציע האָט זיך דער יידישער מאָנאָטעיזם תחילת גענומען אָפּזונדערן פון אומבאַוווסטער סימבאָליק. סימבאָליק מוז זיך אויסדריקן אין פלאַסטישע פאָרמען און געשטאַלטן. האָט דעריבער דער מאָנאָטעיזם שאַרף אַרויסגעשטעלט אין זיין דעוויז: לא ראיתם כל תמונה, נישט פאַראַן קיין גע־שטאַלטלעכקייט אין די פאָרשטעלונגען וועגן דער גאָטהייט. אין זייער מאָנאָטעיזם האָבן יידן געפרוווט דאָס גאָט־געפיל אָוועקצושטעלן בלויז אויף די שטחים פון אַ יידישער וועלט־ראַציאָ.

— אָבער — איך מוז שאַרף אונטערשטרייכן דעם אָבער — די סכנה פון מעכאַניזירונג דראָעט דער ראַציאָ נישט ווייניקער ווי דער אי־ראַציאָ. חדשים לבקרים. דער מענטש — ווי אויך די מענטשהייט — מוזן זיך כסדר באַנייען אין זייערע מחשבות ווי די פייגל פעניקס וואָס באַנייען זיך אין זייערע פעדערן. אויפּ־בויערישע און אינערלעכע ווידערשפּרוכן זענען דער שטאָף־וועקסל פון דער גייס־טיקייט. אַ שטאָף־וועקסל מוז די שענסטע בלום דעגענערירן.

— די ווידערשפּרוכן פון יידישער ראַציאָ צו דער סימבאָליק פון אי־ראַציאָ־נאַלן האָבן נישט באַדאַרפט וואַרטן ביז עס איז געקומען די קבלה מיט דער וועלט־קאָנסטרוקציע פון סימבאָלישע געשטאַלטונגען און ווידער אַריינגעפירט גנאָסטי־שע ווזיעס אין דער יידישער רעליגיעזער מחשבה. אַנדערש וואָלט גאָרנישט מעג־לעך געווען. עס וואָלט געווען דערווידער צו דער מענטשלעכער פסיכיק. מענטש־זיין הייסט: זיך געשטאַלטן פון אינעווייניק אַרויס. אַ סך מער ווי מיר ווייסן מיט אונדזער ראַציאָ ווייסן מיר אין די אַנונגען פון אונזערע נשמה־טיפענישן. דאָס אַנונגספולע וויסן — וואָס גרייכט ביז צו די גרענעצן פון די גאָטהייטן — קאָנען מיר נייערט באַנעמען דורך סימבאָלישע קאָנסטרוקציעס. פון אַנונגען — וואָס ווייסן אַלצדינג און ווייסן גאָרנישט — קומען די קאָנסטרוקציעס און פּרצופים פון אונדזער שפּראַך און מחשבה.

— שוין דער גרעסטער טייל פון די נביאים האָט אָנגעהויבן צו שילדערן דאָס אַבסאָלוטע און געשטאַלטלאָזע אין צמצומים פון בילדער און גע־שעענישן. ישעיה, יחזקאל, און אַנדערע נביאים. מענטשן — וואָס זענען אַליין פּרצופים — קאָנען נישט לעבן און טראַכטן אין אייביקער פּרצופימלאָזי־קייט. דער מענטש איז אַ סינטעז פון פּערזענלעך־באַוווסטער ראַציאָ און אומבאַ־וווּסטער קאָלעקטיווער פּסיכיק. קאָלעקטיווע פּסיכיק איז צוגלייך מיטישע פּסיכיק. ווען די אַבסאָלוטע געשטאַלטלאָזיקייט, די גאָטהייט „אפס”, ווייזט זיך אונדז אין געפעסן פון געשטאַלטפולע צמצומים, ערשט דאַן האָבן מיר די מעג־לעכקייט פון עפּעס אַ ריכטיקער השגה.

ל יי ע נ ע ר :

— איז די ווייטערע אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער געשיכטע צוגעקומען צו אָט דעם לעצטן סינטעז?

מ ח ב ר :

— זי איז צוגעקומען צום סינטעז נישט געקוקט דערויף וואָס די קוואַלן פון ייִדישער געשיכטע זענען קאָרעגירט געוואָרן פון א יי ן ־ ד י מ ע נ ס י אָ נ ע ל ע ראַציאָנאַליסטן.

ל יי ע נ ע ר :

— איר זאָגט קוואַלן פון דער ייִדישער געשיכטע און מיינט די א י ־ ר אַ צ י אָ נ ע ל ע ייִ ד י ש ע ק אָ ל ע ק ט י ו ו ע מ ח ש ב ה ?

מ ח ב ר :

— ווען ייִדן האָבן דערציילט פון דער מעשה־בראשית און פון דער מעשה־מרכבה, האָט מען פון שלל־פולן ייִדישן וועלט־מיטאָס געהייסן רעדן אין שטילן געפּליסטער. בעסער עס פאַרשווייגן. די ייִדישע וועלט־פאַנטאַזיע האָט מען קוים דערלויבט אַרויסצוקוקן דורך שפּאַרונעס.

ל יי ע נ ע ר :

— און שפּעטער?

מ ח ב ר :

— שפּעטער האָט די ייִדישע גנאָזיס זיך אַרויסגעריסן דורך אַלע טירן. מען האָט זי גערופן „קבלה" — און דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז זי איז פון לאַנגע דורות געלעגן אין די באַהעלטענישן פון קאָלעקטיוו־ייִדישן וועלט־געפיל. דער וועלט־סוד — וואָס איז אינעווייניק טיף אינעם מענטש — האָט אָנגעהויבן צו וואַרפן ליכט אויף דער ייִדישער וועלט־געשיכטע.

ל יי ע נ ע ר :

— און ביים פאַרשפּרייטן זיך פון נייעם היידנטום אונטער אַ קריסטלעכן לבוש?

מ ח ב ר :

— די מאָנאָטעיִסטישע ייִדישע ראַציאָ איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען אין





קאַמף מיטן היידנטום. דאָס קריסטנטום האָט די אָפּגרונטן פאַרטיפערט. זיי אָנגעפילט מיט שטראָמען בלוט. חבי עמי בעד רגע. דאָס אָפּגרענעצן ייִדן פון גנאָסטישער געשטאַלטלעכקייט איז דעמאָלט געווען די איינציקע מעגלעכקייט אָפּצוראַטעווען די ייִדישע אייגנאַרטיקייט.

ל יי ע נ ע ר :

— וואָס האָט מען דערצו געטון?

מ ח ב ר :

— מען האָט דאָס ייִדישע רעליגיעזע טראַכטן געוואָלט באַגרונטעווען אויפן יסוד פון אַ ראַציאָ. אַ ר אַ צ י אָ א ו י ף א יי ן ד י מ ע נ ס י ע. פון דעם דאָזיקן א יי ן ־ ד י מ ע נ ס י אָ נ ע ל ן וועלט־קוק האָט מען סוף־כל־סוף געמאַכט אַ מויער פון אַבסטראַקטע הלכהשע געוועבן און געשפּינען. עס איז אויסגעוואַקסן אַ טורעם אין דער לופטן און מען האָט אויף אים אויפגעשטעלט אַ מלכות־ישראל. שפּעטערע דורות האָבן צו אים צוגעבויט שטאָק אויף שטאָק. זייער שפּיצן האָבן געוויזן אויף עפּעס אַן אינטעלעקטועלער גרענעצלאָזיקייט. צווישן די בוי־מייסטער פון אָט דער ר אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ייִ ד י ש ע ר ג אָ ט י ק האָבן זיך געוויזן גאונים אויף גאונים. אַלע האָבן זיי געקלעטערט העכער און העכער אויף דער אַקראָבאַטיק פון אַ ייִדישן שכל.

ל יי ע נ ע ר :

— און די ייִדישע מאַסע, די טרעגער פונעם קאָלעקטיוון מיטאָס?

מ ח ב ר :

— אין דער אַטמאָספערע פון אַן איין־דימענסיאָנעלן היסטאָרישן אינטעלעקט איז די קאָלעקטיווע מאַסע געווען אַוועקגעשטעלט אין טיפן שאָטן. וואָסער באַטייט זי האָט אינעם געבוי פון ייִדישער געשיכטע האָט קיינעם נישט אינטערעסירט. דער ביטול צום נישט־אינטעלעקטועלן פּראָסטאַק איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן צוזאַמען מיטן מגדל־דוד פון פּילפּוליסטישער גאָטישער שפּיציקייט. דער קאָלעקטיוו הינטער די קוליסן פון דער ייִדישער געשיכטע האָט דעמאָלט געלעבט ווי אַ נאָמענלאָזע שקלאַפן־מאַסע. איר איינציקע אויפגאַבע איז געווען מאַטעריעל צו באַדינען די וואָס זיצן אויבנאָן אויפן שטייסל און טרייבן דאָס שפּין־ראָד פון אַן אומענדלעכן ייִדישן אינטעלעקטואַליזם. דער רמב"ם איז געווען איינער פון די גרויסע סינטעטישע בויער פון אָט דער איין־דימענסיאָנעלער ייִדישער ראַציאָ. אין אירע קונציקע קאָמפּליצירטקייטן האָט ער געזוכט אַן איינהייטלעכן און קלאָרן

סינטעז. ער האָט עס באַוויזן מיט מייסטערשאַפט אין זיין ספר „יד־חזקה". אין „מורה נבוכים" האָט ער געזוכט אַן אָנשפּאַר ביים גריך אַריסטאָטעלעס. אין דעם דאָזיקן פּרט איז גראָד דער רמב"ם נישט געווען קיין יחיד בדורו. עס איז ביי די אַראַבישע און קריסטלעכע טעאָלאָגישע חוקרים אויך געווען אין דער מאָדע צו זוכן אָנשפּאַרן אין דער אַלטער גריכישער פילאָזאָפיע. אין זיינע „שמונה פּרקים" זאָגט דער רמב"ם, אַז די האָרעפּאַשנע מאַסע פון פּראָסטאַקעס עקזיסטירט בלויז דערצו כדי צו טון שקלאַפן־אַרבעט פאַר די עטלעכע געציילטע יחידים וואָס זיצן אין די היכלות פון שכל און טוען דאָרט זייער גרויסע אַרבעט.

## דריטער דיאַלאָג

לייענער:

— האָט זיך דער מיטאָס פון דעם ייִדישן קאָלעקטיוו אויסגעלאָשן אין די ווינטן פון אָט די איין־דימענסיאָנעלע מילן?

מחבר:

— סוועדנבאָרג זאָגט, אַז דער מענטש איז אַ מיקראָסקאָפּיש קעמערל פון אַ קאָסמישן מענטש. ווערליק מאָדערנע באַגריפן וועט עס הייסן: פון אַ קאָלעקטיוון מענטש. דער הא"רי זאָגט, אַז יעדעס געשטאַלט איז אַ פּונקט אין אַ קאַליידאָסקאָפּ פון געשטאַלטן. אַזוי וואַקסט דער וועלט־קרייז פון צורה צו צורה ביז ער פאַרשווינדט אין דער גאָטהייט „אפס". אינעם פּרט פון זייַנע טועכצן איז דער יחיד נישט מער ווי אַ פּונקט אין מיטן פון דעם, וואָס עס געשעט אומאויפהערלעך אין אַ שלל פון דימענסיעס און מעגלעכקייטן. דאָס גילט נישט בלויז פאַר דעם יחידישן מענטש אין דער וועלט און אין דער מענטשהייט, עס גילט אויך פאַרן נאַציאָנאַלן יחיד אין דער נאַציע. אַ יעדע זאַך איז אַן „עיגול" אין אַ ראָד פון „עיגולים". ווען אַ יחיד רייסט זיך אַרויס פון אָט דעם עיגולים־שפּיל בלייבט ער שטיין מחוץ דעם אייביקן יצירה־שושפּיל ווי אַ מאַניקין, וואָס מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון הינטער די קוליסן פון אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער.

לייענער:

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

מחבר:

— אויב די ייִדישע געשיכטע האָט באַקומען דאָס פּנים פון אַ דראַמאַטיש־היסטאָרישער יצירה איז עס זיכער נישט געווען צוליב אירע שכל־קאָריפעען.





נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע געשיכטע אָן דעם אי־ראַציאָנאַלן מיטאָס וואָס וועבט זיך און שפּינט זיך אין די טיפסטע טונקלענישן פון יחיד און נאַציע. פון אָט די געוועבן קומט אַרויס יעדע באַדייטנדיקע שעפערישקייט.

— די וועלט־פּנימער אין דער קאָלעקטיווער פּסיכיק פון דער ייִדישער מאַסע זענען געוואָרן אויסבאַהאַלטן פון די ייִדישע ראַציאָנאַליסטן. טייל ראַציאָנאַליסטן האָבן עס פּשוט נישט פאַרשטאַנען. טייל האָבן מורא געהאַט, אַז אין די געעפנטע טירן צום ייִדישן מיטאָס קאָנען זיך אויך עפענען טירן צום הייִדנטום און קריסטנטום. די שפּעטערע אַנטוויקלונגען פון דער קבלה האָבן געוויזן ווי פאַלש דער דאָזיקער פּחד איז געווען. פון אָט די געעפנטע טירן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צו ווייזן די אַקטיווע נשמה־כוחות פון דער ייִדישער נאַציע —

— יעדנפאַלס דאָס וועלט־בילד פון אַ ייִדישן מיטאָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו בליִען און צו בליִען אין די פאַנטאַזיעס פון די ייִדישע מאַסן. אַ סך פון די אינטעלעקטואַליסטן האָבן נישט געוואָלט דערפון הערן. נישקשה. די מלאכים אין הימל — ווערליק ווי עס דערציילט די אגדה — האָבן זיך געזאַמלט אין זייערע היכלענישן ווען אי־ראַציאָנאַלע תנאים האָבן געשמועסט וועגן די סימבאָלישע מחשבות פון ייִדישן מיטאָס. זיי האָבן עס אויפגעהאָרכט ווי דאָס ליבשאַפט־געפּליסטער צווישן חתן און כלה. מיטאָס איז וועלט־ליבשאַפט. די אינטימסטע שפּראַך וואָס מענטשן רעדן צו די גאָטהייטן און פון די גאָטהייטן. די ביימער אויפן פעלד האָבן זיך אָנגעצונדן ווי פאַקעלן ווען מען האָט אַרויפגעבראַנגט אויף די לעפצן די באַשאַף־בילדער פון ייִדישער קאָלעקטיווער טראַכטעניש.

לייענער:

— ווו האָט איר באַוויזן דערויף, אַז אויך אין ייִדישן אַלטערטום איז געווען אַ קאָלעקטיווע ייִדישע גנאָזיס?

מחבר:

— לייענט די נישט־אויסקאָרעגירטע שטעלן אין תנ"ך. ישעיה זעט גאָט וואָס „שוליו מלאים את ההיכל", זיינע געוועלנדער פילן אָן דעם היכל. די זעונגען פון יחזקאל און אַנדערע נביאישע וויזיעס פון דער גאָטהייט אין געשטאַלטן. אָט די שטעלן ווייזן אויף באַקאַנטע מיטישע פאָרשטעלונגען פון אַ קאָלעקטיווער פאַנטאַזיע. די נביאים האָבן דערין אַריינגעלייגט זייער עטישן פּאַטאָס*). די אגדות און די מדרשים זענען איבערפולט מיט די וועלט־

*) רצונך להכיר את מי שאמר והיה העולם למוד אגדה שמתוך כך אתה מכירו ומדבק בדרכיו. (ספרי עקב, פ׳ מט).

פֿאַרשטעלונגען פֿון אַן אינערלעך ייִצירהפֿולער ייִדישער מאַסע. גרויסע מיסטיקער ווי ר׳ עקיבא און אַנדערע בעלי־אגדה האָבן די נאַציאָנאַלע סימבאָליק געוואָלט סינטעטיזירן מיט דער ראַציאָ פֿון אַן אינטעלעקטועלער מחשבה. אַזעלכע דיאַלעקטישע *עקספּערימענטן פֿון סינטעז* טרייבן פֿאַראויס די געשיכטע פֿון מענטשלעכן גייסט. אויפֿן שטח פֿון אַן איין־דימענסיאָנעלער לאָגיק וואָלט די לאָגיק פֿון דער ייִדישער עקזיסטענץ פֿאַרבליבן אַ טראַגישער פֿרעגצייכן. צו וואָס דאַרף מען עס? אָן אַ קאָסמישן זין ווייסט מען בכלל נישט וואָסער זין עס האָט ייִדישער קיום אויפֿן פּלאַנעט.

— איך וויל נאָך צוגעבן: איינע פֿון די הויפּט־געשטאַלטונגען פֿון היסטאָריש־אַקטיוון ייִדישן פּאַטאָס איז דאָס געשטאַלט פֿון ייִדישער שפּראַכלעכקייט.

**לייענער:**

— וואָס מיינט איר ווען איר זאָגט *דאָס געשטאַלט פֿון דער שפּראַכלעכקייט*?

**מחבר:**

— די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז דער עפּישער ריטמוס פֿון דער קאָלעקטיווער אינערלעכקייט. דער ריטמוס פֿון קאָלעקטיווער שאַפֿערישקייט*). שפּראַך איז דאָס *געשטאַלט פֿון דער מחשבה*. די מחשבה וואָס איז אין דער וועלט און וואָס איז אין דער גאָטהייט. די אַרכיטעקטור פֿון דער שפּראַך — סיי וואָס שייך אירע ריטמוסן און סיי וואָס שייך אירע בילדער — איז פֿולקאָם אידענטיש מיט דער אַרכיטעקטור און מיט דער פּסיכישער דראַמאַטיק פֿון דער

---

*) הגם ייִדישע פֿאָלקס־לידער שטייען אונטער דער השפּעה פֿון די אַרומיקע נישט־ייִדישע שכנים, האָבן זיי אָבער זייער אָריגינעלן ריטם און מוזיקאַלישן קאָלאָריט. ער קומט פֿון די טיפֿענישן פֿון גאָר אַלטע ייִדישע תּקופֿות. — אפֿשר נאָך פֿון ייִדישן אַלטערטום? מעגלעך. ריטם איז די באַוועגונג פֿונעם קאָלעקטיוון אומבאַוווסטן. די באַוועגונג פֿון *רוים* אין קאָלעקטיוון אומבאַוווסטן. אין דעם ריטם פֿון לשון־ייִדיש אַנטפּלעקן זיך אַ סך פֿון דער קאָלעקטיווער נשמה־באַוועגטקייט פֿון ייִדן. אין דעם ליגט דער סוד וואָס ייִדן האָבן געגעבן אַ באַזונדערע *נאַציאָנאַלע סטרוקטור* צו די שפּראַכן וואָס זיי האָבן גענומען ביי אַנדערע פֿעלקער און פֿון זיי געמאַכט אַ „ייִדישן זשאַרגאָן“. יענע פֿרעמדע שפּראַכן זענען פֿון דער ייִדישער נשמה־באַוועגונג צעלייגט געוואָרן אויף ציגל, פּאַמעלעך צוריק אויפֿגעבויט געוואָרן אין אַן אַנדערער רוימלעכער, ד״ה ריטמישער סטרוקטור.

. דער ריטם פֿון לשון־ייִדיש געפֿינען מיר אין די מדרשים. דאָס זעלביקע זען מיר אין די פֿאָלקס־לידער.





נאַציאָנאַלער נשמה. גייערט אין דעם באַזונדערן אינסטרומענט פֿון איר לעבעדיקער שפּראַך באַווייזט די נאַציע זיך אויסצודריקן אין איר פֿול געשטאַלט. און אין דער שפּראַך זעען מיר אַ נאַציע אויף אַ לייטער פֿון אַ סך דימענסיעס. דאָס איז דאָס ריכטיקע באַנעמען. די איין־דימענסיאָנעלע ראַציאָנאַליסטן פֿאַרשטייען נישט די מעטאַפֿיזיק פֿון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, פּונקט ווי זיי פֿאַרשטייען נישט די מעטאַפֿיזיק פֿון נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו.

**לייענער:**

— איז אַמאָל געקומען צום אָפֿענעם קאַמף צווישן די צוויי שיטות אין ייִדישן גייסט?

**מחבר:**

— אין מיטלעלטער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפּראַלט אַ ביטערער קאַמף צווישן די בעלי־סוד און די בעלי־נגלה. איבערהויפּט האָט מען געקעמפֿט אַרום דער פּערזאָן פֿון רמב״ם, דעם גרויסן מייסטער וואָס האָט דער איין־דימענסיאָנעלער ראַציאָ געוואָלט געבן אַ לאָגישן סינטעז און אַ פֿילאָזאָפֿישן אָנשפּאַר. קעגן דער באַדייטנדיקער פּערזענלעכקייט פֿון רמב״ם איז שאַרף אַרויסגעטרעטן אַ צווייטע — און נישט קלענערע — פּערזענלעכקייט אויף די פֿליינען פֿון ייִדישער גנאָזים. דאָס איז געווען דער ראב״ד. ער האָט אָנגעשריבן פּאָלעמישע „השגות“ צום רמב״מס „יד חזקה“.. דער ראב״ד וויל אויפֿווייזן, אַז אויב מען קוקט אויף דער תּורה פֿונעם שטאַנדפּונקט בלויז פֿון איינע פֿון אירע דימענסיעס, מוז מען מאַכן אָן אַ שיעור טעותים און זיך כּסדר ווידערשפּרעכן אין סתירות. אייביקע טעותים.

— דאָס איז די קאָנסעקווענץ פֿון אַן איין־דימענסיאָנעלן צוגאַנג צו פּראָבלעמען. קוקן אויף דער וועלט פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון איין דימענסיע איז איבערהויפּט אַ פֿאַלשער שטאַנדפּונקט. ר׳ עקיבא — דער אַלטמייסטער פֿון דער ייִדישער גנאָזיס — האָט געזאָגט, אַז די תּורה איז דאָס ווערק־געצייג פֿון קאָסמישן באַשאַף. „כּלי שבו נברא העולם“. זי האָט אומצייליקע פּנימער. אירע אינערלעכע און אויסערלעכע וועלטן ווערן איבערגעשאַפֿן יעדן טאָג און יעדע רגע. די תּורה שפּיגלט־אָפּ אין אירע מדרגות די אומציילִיקע מדרגות פֿון דער יצירה. סיי די מדרגות וואָס זענען *מעגלעך* און סיי די מדרגות וואָס זענען *ווירקלעך*. ווען מען קוקט מיט אָפֿענע אויגן אויף דער קאָלעקטיווער מחשבה פֿון דער תּורה זעט מען דאָרט דעם *קאָסמישן ייִד*, דעם אלהי־ישראל. זיינע געווענדער — דאָס הייסט זיינע דימענסיעס — ליגן אויסגעשפּרייט איבער אַלע היכלות. שפּילן ווי אַ רעגנבויגן איבער אַלצדינג וואָס *איז*, און איבער אַלצדינג וואָס *איז נאָך נישט*. וויפֿל קאָסמישע ייִדישקייט! דער ייִדישער מיטאָס

נעמט אויך אָן פּלאַסטישע צורות אויף די פליינען פון זיינע השגות. דאָס איז אַבסאָלוט מענטשלעך. דער רמב״ם זאָגט, אַז אַזעלכע קאַטעגאָריעס פון מחשבות זענען אַנטי־ייִדיש *). „גרעסערע און חשובערע״ ווי דער רמב״ם — ענטפערט דער ראב״ד אין זיין פּאָלעמיק — האָבן דאָס געטלעכע משיג געווען אין געשטאַלטע־רישע קאַטעגאָריעס.

## פערטער דיאַלאָג

ל יי ע נ ע ר:

— פּאַרוואָס שרייבט איר „סוף״ אין אייער שבתי־צבי־ראָמאַן, ווען עס הייבט זיך ערשט אָן דער סאַמע אָנהייב?

מ ח ב ר:

— ווען ער האָט געמיינט אַ נ צ ו ה ײ ב ן איז שבתי־צבי צוגעקומען צום סוף פון זיין משיחיזם. ער איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין זיינע אייגענע צוויטן. ווען נישט זיין פאַראַט וואָלט ער מעגלעך אַפילו נישט געוועקט קיין אומ־היימלעכקייט אין דער ייִדישער געשיכטע. ער איז געוואָרן אַפּטרינניק — און מחמת דעם איז ער פאַרבליבן אַ שאָטן פון אַ פאַלשן משיח. אַ משיח אַ חרוב־מאַכער. ייִדן האָבן תמיד געפילט אומהיימלעכקייט צו די וואָס ווילן זיי אויסמעקן און צוגלייך פאַרטרייבן פון די וועלטן דעם קאָסמישן ייִד. דעם אלהי־ישראל.

ל יי ע נ ע ר:

— אַ סך ייִדן האָבן דאָך שבתי־צבין געהאַלטן פאַר אַ משיח —

מ ח ב ר:

— כמעט אין אַלע דורות — ביז צום היינטיקן טאָג — קומען צו ייִדן משי־חים אין געשטאַלט פון פּערזאָנען אָדער אידעען. ייִדן וואָלטן גאָרנישט געקאָנט עקזיסטירן אָן אַ פּערמאַנענטן משיחיזם. זעלבסטשטפאַרשטענדלעך בייט זיך משיח וועדליק די צייטן און באַדינונגען. ער קומט אַלע מאָל אין אַנדערע פּע־דערן. ער קומט אַפילו ווי אַ פאַרביסענער היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער מאַרק־סיסט און וויל אונדז איינשמועסן אַז ער איז אָן אַטעיִסט. עס לויערט דאָ ווידער צו מאַכן אָן אַנאַלאָגיע מיט נאָך אַ פאַרעטערישן משיח. ישו הנוצרי.

ל יי ע נ ע ר:

— אדרבה.

*) השגות הראב״ד „מדע״. הלכות תשובה; פ״ג, סעיף ז׳: „אמר אברהם: ולמה קרא לזה „מין״, וכמה גדולים וטובים ממנו הלכו בזו המחשבה״.





מ ח ב ר:

— טאָג און נאַכט קוקן ייִדן אויס דאָס מלכות־שמים. דאָס דאָזיקע אומרויִקע געפיל פון עפּעס אַ בעסערער איבער־ווירקלעכקייט לאָזט נישט ייִדן פאַרוואָרצלען זיך אין קיין שום ערד. עס איז אָבער זייער טראַגישע גרויסקייט. משיח! — דאָס איז דער טיפסטער אויסגעשריי פון ייִדישן קאָלעקטיוו. די משיחים ביי ייִדן קומען און פאַרשווינדן ווי די שאָטנס פון אומרויִקן נאַציאָנאַלן געוויסן. יעדער משיח בלייבט איבער אויפן שטח פון ייִדישער פּסיכיק. באַרייכערט דאָס ייִדישע קאָלעק־טיווע טראַכטעניש. וואָסער שטייגער פון משיח איז געווען ישו הנוצרי? פון זיין פּערזאָן ווייסן מיר ווייניק. עס איז אַפילו מוטל בספק צי האָט ישו בכלל עקזיס־טירט, צי איז ער ניט מער ווי אַ גוייִשע אויסטראַכטעניש. מ׳זאָגט ישו. מ׳מיינט פּאַולוס. פּאַולוס איז געווען דער קלאַסישער טיפּ פון אַ פאַרעטערישן משיח. ער האָט געוואָלט צעשטערן דעם ייִדישן מיטאָס אויפן חשבון פון דעם גייסטיקן רענעסאַנס פונעם הייִדנטום. לגבי ייִדן איז דאָס קריסטנטום געווען אַ פאַרע־טערישער משיח־אידייע. דעריבער האָט דער קריסטלעכער צלם געשראָקן דאָס ייִדישע געמיט ווי דאָס געשטאַלט פון זייער אומקום.

ל יי ע נ ע ר:

— דעריבער האָט זיך דער ייִדישער מיטאָס באַהאַלטן אין די טונקלעניש?

מ ח ב ר:

— ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די טונקלעניש. ווי קאָנען זיך שעפערישע כוחות באַהאַלטן? די גאָטהייטן גייען אין געוויטער. שאַפן הייסט — צוימען דאָס געוויטער. די גאָטהייטן צוימען זייער אומענדלעכקייט אין אַלערליי געשטאַלטן פון צמצום. דער אלהי־ישראל — א י ן ז י י ן א ו מ ע נ ד ל ע כ ק י י ט א י ן יִ ד ן — האָט אויך פון זיך באַשאַפן אַזאַ צמצום־געשטאַלט. אַ נצח־ישראל פון אַ ייִד. אַ ייִד פון אַ סך מדרגות. דאָס איז די פּערזאָן א ל י ה ו ־ ה נ ב י א.

ל יי ע נ ע ר:

— איז אליהו־הנביא די סינטעטישע געשטאַלט אין ייִדישן מיטאָס?

מ ח ב ר:

— זיכער. ער זאָגט אַלצדינג פון דעם וואָס עס געשעט, באַוועגט זיך און שאַפן זיך אין דעם קאָלעקטיוון אונטערבאַוווּסטזיין פון ייִדישע מענטשן. ער איז דער א ו י ב ן און דער א ו נ ט ן אין די וועלטן פון ייִדישער פאַנטאַזיע. מיט טראַכטנדיקע מקובלים שמועסט אליהו־הנביא פון דעם געטלעכן און פון דעם

באַשאַף. צוגלייך איז ער אַן איינגייער אין די שטובן פון פּראָסטע און אָרעמע ייִדישע פאָלקס־מענטשן. שמועסט מיט זיי ווי איינער פון זיי. שפּילט זיך מיט זייערע קינדער. העלפט זיי אין פּרנסה. דרייט זיך אַרום ווי אַ פויער אויף זייערע יאַרידן. טרייסט ייִדן אין זייערע צרות. ווען משיח וועט קומען וועט אליהו־הנביא זיין דער ערשטער וואָס וועט עס צו וויסן־טון דעם ייִדישן פאָלק און מבשר זיין די בשורה פון תיקון־העולם. מיט די השגה־ייִדן גייט ער שפּאַצירן אויף די וועגן פון פּרדס. צוגלייך איז ער אַ ייִד אַ מדינה־גייער און שלעפּט זיך אַרום מיט די ארחי־פּרחי אויף די וועגן פון תפוצות־הגולה.*) אליהו־הנביא איז דער סינטעז פון מאַסע און אינטעלעקט. דער סינטעז פון יחידישער ראַציאָ און קאָלעקטיווער אי־ראַציאָ. אליהו־הנביא איז דער אייביקער ייִד אויף די וועגן פון דער וועלט. ער איז דער ייִדישער קיום ווי אַ המשך פון אַ קאָסמישער מחשבה. אָן אליהו־הנביאס ייִדישקייט ווייסן מיר נישט פאַרוואָס מיר זענען ייִדן און צוליב וואָס עס לוינט זיך צו זיין ייִדן און צו שלעפּן דעם כור־העוני פון אונדזער געשיכטע. אין אונדזער האָפענונגסלאָזיקייט איז ער די אייביקע האָפענונג. אין זיינע ייִדישע דימענסיעס בייט זיך אליהו־הנביא און וואַקסט אויס, צוזאַמען מיט די דימענסיעס פון ייִדישן מיטאָס.

— אַלערליי תנ״כיסטן — די קראים דאַרפן אונדז זיין אַן אָפּשרעקנדיקער ביישפּיל — האָבן גערופן און רופן נאָך היינט: חפּישו באוריתא שפּיר. זיי זאָגן אַז דער תנ״ך איז די העכסטע מדרגה פון ייִדן.**) די אלף און די תיו פון ייִדישן

*) אַ סך פון די ערשטע חסידישע צדיקים איידער זיי זענען „נתגלה געוואָרן״, זענען זיי — וועדליק די פאָלקס־מעשיות — געווען „נסתרים״. טייל פון זיי זענען שפּעטער אַוועקגעגאַנגען גלות־ליידן אונטן, אין די אומבאַקאַנטקייטן צווישן די ייִדישע מאַסן. די גרויסע ייִדן האָבן זיך דאָרט אויסגעגעבן ווי פּראָסטאַקעס און ווי גלייכע מיט די גאַר־אונטערשטע ייִדן. אויף מאָדערן לשון מיינט עס: די אינדיווידועלע צדיקים זענען צוריקגעגאַנגען צום קאָלעקטיוו אומ־באַוווסטן און דאָרט זיך געוואָלט באַניייען אין די קוואַלן פון מיטאָס. ערשט נאָך דער דאַ־זיקער באַנייונג האָבן זיי צוריק אַרויסגעוויזן זייער יחידיש געשטאַלט. די ל״ו צדיקים זענען „נסתרים״. זיי זיצן אין די באַהאַלטנקייטן פונעם קאָלעקטיוו. וועדליק זייערע מאָטיוון זענען די „למד־וואָוו״ זעקס און דרייסיק אליהו־הנביאס. אַט די זעקס און דריי־סיק נסתרים זענען די מיטישע יסודות פון דער וועלט.

**) דער „גלות בבל״ האָט געמאַכט אַ תהום צווישן דער תנ״ך־עפּאָכע אין דער ווייטערער ייִדישער געשיכטע.

פון תנ״ך זעען זיך אַרויס די נביאים ווי יחידישע אָנזאָגער וואָס טראָגן אין זיך די וויזיעס פון אַן אויסגעאיידלטער און אידעאַלער ייִדישער צוקונפט. אָבער די נביאים זענען גייערט פאַראויסגייענדיקע איזאָלירטע געשטאַלטן. זיי באַלאַנגען נישט צום געשטאַלט פון זייער תקופה.

די תנ״כיש־ייִדישע מאַסע — אַלס אַזעלכע — האָט זיך כמעט גאָר נישט — דער עיקר פּסי־





נאַציאָנאַלן געשטאַלט. דער תנ״ך איז דאָס שטייענדיקע לעבנס־וואַסער פון ייִדישע מענטשן. אַזאַ קאַראַימישער צוגאַנג צו ייִדישער געשיכטע איז אויבערפלאַכלעך. עס איז אַבסאָלוט פאַלש באַנומען וואָס עס הייסט אַזוינס געשיכטע ווי אַ דראַמע וואָס באַוועגט און באַוועגט די מענטשהייט. יעדער פאַלשער און אויבנאויפיקער צוגאַנג צו דער באַוועגונג „געשיכטע״ איז געפערלעכער סם־המות פאַר איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אין דער ברייט און אין די טיפעניש.

לייענער:

— וואָס דען איז דער תנ״ך?

כאַלאָגיש — נישט אונטערגעשיידט פון די כנענים. זיי האָבן געלעבט אין כנענישן לעבנס־שטייגער. אין זייער רוב האָבן זיי געדינט צו די בעלים און אשרות, געשטעלט במות און זיילן־שטייער אויף אַלע הויכעניש. אַפילו מקריב געווען זייערע קינדער צום „מולך״. די נביאים האָבן — מיט ווייניק דערפאָלג — געקעמפט כדי אַט די „עברים קדמונים״ אומצובייטן אויף די ייִדן פון זייערע וויזיעס. ערשט נאָכן גלות בבל — אין דער סינטעזע מיט גרויסע וועלט־קולטורן — האָט זיך אין דער מענטשלעכער געשיכטע אָנגעהויבן צו באַשאַפן דער ייִדישער מענטש אין זיין קאָלעקטיוון געשטאַלט.

די קולטור־גראַדאַציע איז נישט מער געווען צווישן „כנענים״ און „נביאים״. דער פּסיכאָלאָגישער ייִדישער טיפּוס האָט זיך אויסגעגליכן. צווישן דעם „גרעסטן ייִד״ און דעם „נידעריקסטן ייִד״ איז נאָר שפּעטער געווען דער חילוק ווו זיי שטייען אויף דער מדריגה פון זייער פּערזענלעכן ווערט. אין עצם זענען זיי געווען אימאַנענטע חלקים פון איין קאָלעקטיוון געשטאַלט.

דאָס ייִדישע פאָלק — ווי אַ קאָלעקטיוו־שעפעריש וועלט־געשטאַלט — איז אַנטשטאַנען אויף די פליינען פון גלות. די ארץ־ישראל־ייִדן פון צווייטן בית־המקדש זענען גיכער געווען דער פּראָדוקט פון גלות־בבל איידער ווי פון דער תנ״ך־עפּאָכע.

די צוריק־געקומענע פון גלות־בבל — די פולע קאָלעקטיווע געשטאַלטן פון ייִדן — האָבן זיך באַמיט אָפּצורייסן פון די „עברים קדמונים״ וואָס זענען פאַרבליבן ווי דער „עם־הארץ״ פון ארץ־ישראל און נישט מיטגעמאַכט די סינטעזע פון גלות־בבל. מען האָט אויף די „ישראלים״ געקוקט ווי אויף פרעמדע גויִים און נישט ווי אויף ייִדן פון ייִדנלאַנד.

כדי טיפער צו מאַכן דעם תהום צווישן דער תנ״ך־עפּאָכע און דעם גלות־בבל און כדי ניט צו האָבן קיין נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט מיט די „עברים קדמונים״, האָט מען ראַדיקאַל איבערגעביטן די אַלטע עברישע שריפט אויף אַן אַראַמעיִשע, ווי אויך נישט געוואָלט צוזאַמען מיט יענע „עברים״ בויען דאָס בית־המקדש.

די „עברים קדמונים״ זענען אַרויסגעפאַלן פון ייִדישן המשך און פאַרבליבן ווי טויטע רעק־וויזיטן אינעם געשטאַלטן פון כותים און שומרונים מיט אַ טיפע אימפּאָטענטע שנאה צו די גלות־ייִדן וואָס זענען געוואַקסן און געוואַקסן אין זייער גייסטיק געשטאַלט.

בימי הגאונים האָט זיך פונדאַסניי געמאַכט אַ באַוועגונג צווישן ייִדן צוריק צו גיין צו דער „גלותלאָזער תנ״ך־קולטור״. פון אַט די ייִדן זענען געוואָרן „קאַראַימער״. זיי זע־נען ווי פאַרוועלקטע בלעטער אַראָפּגעפאַלן פון דעם המשכדיקע בוים פון ייִדישער געשיכטע.

מחבר:

— דער תנ״ך איז דער זאָמען פון וואַנען עס זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן די ייִדישעביימער: עץ־החיים און עץ־הדעת. קיִום־געפיל און מיטאָס־געפיל. די צוויי ביימער פון ייִדישער יצירה. זיי וואַקסן און וואַקסן נאָך. זייערע שאָטנס פאַלן און פאַלן איבער נייע און נייע מרחקים.

לייענער:

— ווי לאַנג וועלן אַזוי וואַקסן אָט די צוויי ייִדישע ביימער?

מחבר:

— דאָס ווייסט נאָר דער אלהי־ישראל — דער קאָסמישער ייִד — אין זיינע במסתרים.

## פינפטער דיאַלאָג

לייענער:

— פאַרוואָס האָט דער קאָלעקטיווער מיטאָס פון ייִדן דווקא אויסגעקליבן אליהו־הנביאן פאַר דער סינטעטישער פערזענלעכקייט? ס׳זענען דאָך געווען נביאים מיט אַ סך אַ רייכערער עלאָקווענץ.

מחבר:

— אין דעם דאָזיקן פּרט קאָן איך — זעלבסטפאַרשטענדלעך — זאָגן בלויז השערות.

— אליהו־הנביא האָט געהאַט די גאָט־וויזיעס ווי משה רבינו. נעמט, למשל, די סצענע מיט דער גאָטהייט ביים באַרג חורב. פונדעסטוועגן געפינט ער עס פאַר פּאַסיק איינצושטעלן דאָס לעבן און זיך אָנצונעמען פאַרן פּשוטן נבות היזרעאלי. דעם נביאס רוף צום מעכטיקן מלך אחאב: הרצחת וגם ירשת — דו האָסט געטויט און דו גייסט ירשנען — האָט געטראָפן ווי אַ דונער אין די עטישע טיפענישן פון ייִדישן וועלט־מיטאָס. העראָאישע מעשים קומען טיפער פון דעם אי־ראַציאָנאַלן אין מענטש ווי די שענסטע נביאישע עלאָקווענצן. נאָר אַ פערזאָן וואָס קאָן זיין אי אויבן ביי די גאָטהייטן אין געוויטער, און אי אונטן, אינמיטן די מענטשלעכע נויטן — ער איז דאָס פּאַסיקסטע געשטאַלט צו זיין דער סינטעז פון ייִדישן וועלט־בילד. אויך די מוטיקע ווידערשטאַנדן פון אליהו־הנביאן קעגן די מאַכטהאָבער האָבן אויסערגעוויינלעך אימפּאָנירט דער ייִדישער מאַסע וואָס איז פון די אויבערשטע פון שטויסל, באַטראַכט געוואָרן ווי שקלאַפן־אַרבעטער און ווי אונטער־ייִדן.

לייענער:

— איר דראַפּעט זיך אויף די ווענט כדי אויסצופירן דאָס אייעריקע.





מחבר:

—וועדליק מענטשלעכע מעגלעכקייטן באַמי איך מיך צו טראַכטן אָז אי־נערלעכע פאָראורטיילן.

— דער האר״י האָט געזאָגט, אַז די מקובלים ביז פאַר דעם רמב״ן האָבן געהאַט וויסעניִשן ווי אַזוי עס קוקט אויס דער עולם־התיקון. ד״ה זיי האָבן געוווסט פון דעם לעצטן שלמות און פון דער קאָנסטרויִרטע רו. פון דער האַרמאָנישער איינס וואָס פאַרבינדט דעם געשטאַלטפולן באַשאַף מיט דעם געשטאַלטלאָזן „אפס״. ווי קאָן דער באַגרענעצטער מענטש וויסן פון דער העכערער גרענעצלאָזיקייט? מיט די השגות פון זיין שכל? עס זענען דאָך השגות פון לויטער באַגרענעצטקייט.

— יענע קלאַסישע מקובלים האָבן זייער וויסן וועגן עולם־התיקון גענומען פון גילוי־אליהו — זאָגט דער האר״י. ויחזו אלהים. וועדליק מאָדערנע דעפיניציעס וועט עס הייסן: דער ייִדישער מיטאָס האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט פון זיינע טונקלסטע טיפענישן. אין מיטאָס האָבן זיי געזען די צווייטע דימענסיע פולע וועלט וואָס גרייכט פון אונטערשטן עולם־העשיה ביז צו אַן אויבערשטן „כתר״. די דאָזיקע וועלט הייסט מענטש. מענטש אויף מדרגות פון אומצייליקע מעגלעכקייטן און דימענסיעס. ער איז — פונקט ווי דער באַשאַף — אַ כסדרדיק שפּיל פון ליכט און שאָטן. אויבן און אונטן. קליפּה און קדושה. דער דאָזיקער מענטש איז אַ ייִד וואָס איז פינצטער ווי די חיה „בליעל״ און ליכטיק ווי דער אלהי־ישראל. אַ ייִד וואָס איז קאָסמיש. מען קאָן אין זיין ייִדישקייט משיג זיין אַ סך פון דעם אַלמענטשלעכן און פון דעם אַל־געטלעכן. ער איז דער ייִדישער מענטש — ווי עס ווייזט אים אליהו־הנביא אין די שפּיגלען פון עולם־התיקון.

— שפּעטער נאָכן רמב״ן — זאָג דער האר״י — האָבן די מקובלים אָנגעהויבן צו וויסן בלויז וואָס עס טוט זיך אין עולם־התוהו און אין די צעפאַלנקייטן פונעם באַשאַף. אליהו־הנביא איז צוריקגעגאַנגען צו דעם נישט־קלאָרן און שאָטנהאַפטן.

לייענער:

— דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אליהו־הנביא האָט זיך אָפּגעקערט פון ייִדישע השגות?

מחבר:

— ער האָט געלעבט ווי אַ נע־ונדניק אין דער שטומער נע־ונדער ייִדישער מאַסע. פונעם קבלה־פּרדס זענען אַראָפּגעפאַלן זיינע דופּטיקע צוויטן. די שפּעטערע מקובלים ביזן האר״י האָבן געלעבט נאָר אין די חורבות פון אליהו־הנביאס

מחשבות. מיט די פעדים פון אַן איין־דימענסיאָנעלער ראַציאָ האָבן זיי געפּרווט צוזאַמענצובינדן דאָס וואָס איז נישט מער געווען ווי אַ הוילער שאָטן פון דעם אַמאָליקן.

— עס האָט זיך באַוויזן דער האר״י — און אליהו־הנביא איז אַרויסגעקומען פון זיינע טונקלענישן. ויפתח את פיו — ער האָט די וויסענישן צוריק אַרויפגעפירט צו די גרענעצן וואָס ליגן צווישן דעם באַשאַף און דעם „אפס״.

לייענער:

— דערקלערט עס מיר דייטלעכער.

מחבר:

— אין זיינע צוויי ספרים „עץ החיים״ און „פרי עץ החיים״ האָט דער האר״י אופגעשטעלט דאָס געשטאַלט — „שיעור קומה״ — פון קאָסמאָס ווערליק דעם פיזישן און גייסטיקן געשטאַלט — „שיעור־קומה״ — פונעם מענטש. די צורה מענטש ווי זי קוקט אויס אין די דימענסיעס פון חומר און אין די דימענסיעס פון גייסט. פון אָט דעם טאָטאַלן אָדם־עליון שטראַלן אַרויס פאַרשידענע מדרגות פון ליכטער. דאָס זענען די פאַרשידענע מדרגות פון זיינע דערקענטענישן. די פאַרשידענע מדרגות פון זיין עקזיסטענץ אין דער גרענעצלאָזיקייט. אין „פרי עץ החיים״ פאַרוואַנדלען זיך די דערקענטענישן אין מעשים און אין פליכטן. אויך ביים מענטש — און דאָס איז זיין שלמות — פאַרוואַנדלט זיך דער „כתר״ אין אַן עולם־העשיה. די אַבסטראַקטע גאָטהייט האָט זיך פאַרווירקלעכט אין געשטאַלטן. דער אַבסטראַקטער מענטש מוז זיך פאַרווירקלעכן אין טאַטן.

לייענער:

— ווער איז אָט דער אַבסטראַקטער מענטש ווערליק דעם האר״י?

מחבר:

— דער האר״י איז געווען אַ געניאַלער ריאַליסט. זיינע אַלע מחשבות האָבן געהאַט געשטאַלטן און „פרצופים״. דעם האר״יס קאָלעקטיוו־אומבאַוווסטע איז געווען דאָס געשטאַלט פון יידישן מיטאָס. ממילאָ האָט ער גענומען דעם קאָסמישן ייד אַלס דעם „אדם־עליון״ און פון אים אויסגעבויט די קאָנסטרוקציע פון זיין וועלט־וויזיע.

לייענער:

— מיינט איר, אַז מיט אָט דער אידעאָלאָגיע פון האר״י האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע?





מחבר:

— דער מענטש איז די מאָס פון אַלע השגות. פריי טראַכטן קאָן מען נאָר ווען מען טראַכט הומאַניסטיש־מענטשלעך. טראַכטן הומאַניסטיש איז צוגלייך טראַכטן געטלעך. טראַכטן עצמדיק און אורשפּרינגלעך. עצמדיק און אורשפּרינגלעך טראַכטן קאָן מען בלויז אין מיטישע געשטאַלטונגען. דער מיטאָס איז דער מאָטאָר פון אַקטיווער געשיכטע. מיט דעם וואָס דער האר״י האָט דאָס וועלט־געשטאַלט אָנגעהויבן צו קאָנסטרויִרן ווערליק דעם יידישן מענטש, איז ממילא דער קאָלעקטיווער ייד געוואָרן דער טרעגער פון יידישער געשיכטע. משיח איז אַ דימענסיע פון קאָלעקטיוון יידישן מענטש. משיח איז אימאַנענט מיט יידישן קיום. דער יידישער מענטש שטייט מיט זיינע פיס אויפן גאַנצן פּלאַנעט פון דער ערד. אין דער זייט ביי אים שטייט זיין שאָטן אליהו־הנביא צי משיח. דער דערלייזער פון דער וועלט.

## זעקסטער דיאַלאָג

לייענער:

— מיינט איר נישט, אַז אַזאַ אופן פון יידישן קיום הייסט זיך קיינמאָל נישט וועלן באַפרייען פון אַן אייביקער אויסזיכטלאָזער טראַגעדיע? איר שטעלט יידן אַוועק אינמיטן צווישן אַלע אוממעגלעכקייטן. איר זענט ווי דאָן־קיכאָט צווישן ווינט־מילן. אויך פון יידן מאַכט איר דאָן־קיכאָטן צווישן ווינט־מילן. וואָס איז משיח? משיח איז די אייביקע יידישע טראַגעדיע. לוינט עס אונדז צו זיין שוישפּילער, צי אפשר די שוישפּילער וואָס קריגן די פּעטש, אין אַ דראַמע פון געטהייטן און טייוולאָנים?

מחבר:

עקזיסטענצן זענען קאָסמישע צמצומים. מיר מענטשן האָבן צו שוואַכע השגות וועגן די עקזיסטענצן כדי צו פרעגן „הלמאי״? דאָ שווייגן אַלע ענטפערס. דער עצם פון אייער פראַגע איז אין תוך אַ פאַלשער. איך זאָג נישט קיין דעה. ניין. איך טו נישט מער סיידן ווי איך אַנאַליזיר די יידישע עקזיסטענץ און וויל משיג זיין איר ווערט. דאָס איז אַלצדינג. די משיח־אידעע איז דער עקזיסטענץ־ווערט פון יידישן קיום. אָן דער דאָזיקער, אין אונדז־אימאַנענטער־אידעע, וואָלט יידישע עקזיסטענץ טאַקע נישט געווען מער ווי אַ טראַגישער אומזין.

לייענער:

— איר כאַפּט זיך אָן אין אַ פּאָטאָ־מאָרגאַנאַ.

מ ח ב ר :

דער מענטש איז דאָס אומגליקלעכסטע באַשעפעניש. ער שטייט יעדע מינוט פאַר זיין אייגענעם חורבן. זיין איינציקער נס זענען די פאַטאַ־מאָרגאַנאַס פון זיינע וויזיעס. ער יאָגט נאָך שאָטנס? דאָס איז זיין לעבנס־אימפּעט. די שאָטנס פון אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ רופן מיר: קולטור.

ל יי ע נ ע ר :

— האָבן אויך די יידישע ראַציאָנאַליסטן באַנומען די משיח־אידעע ווי אַן אימאַנענטער באַשטאַנדטייל פון יידישער עקזיסטענץ?

מ ח ב ר :

— ווערליק דער ביטערער לאָגיק פון די געשעענישן האָבן אויך די ראַציאָנאַליסטן געמוזט איינזען, אַז די א י מ אַ נ ע נ ט ע מ ש י ח ־ א י ד ע ע איז דער עיקר־ווערט פון יידישן קיום.

ל יי ע נ ע ר :

— ווי אַזוי האָבן זיך די ראַציאָנאַליסטן פאָרגעשטעלט די משיח־אידעע?

מ ח ב ר :

— דער רמב״ם, דער גרעסטער סינטעטיקער פון דער איין־דימענסיאָנעלער ראַציאָ האָט זי געמאַכט פאַר אַן עיקר פון דער יידישער רעליגיע. די יידישע רע־ליגיע וואָלט נישט געהאַט קיין אויסבליקן אָן דער משיח־אידעע. דעם רמב״מס משיח־אידעע האָט געהאַט איר פאַרטיפערטע קאָנסעקווענץ. ער האָט צו איר צוגע־שטעלט אַ צווייטן עיקר: תחית־המתים. עס מוז געפונען ווערן אַ באַרעכטיקונג פאַר די דורות פון געשטאָרבענע יידן וואָס האָבן אין בלוט און פיין געטראָגן אויף זיך די קייטן פון יידישן שיקזאַל. וואָסער זין האָט זייער פיין געהאַט אין דער ראַציאָ פון איין און איינציקער דימענסיע? די טויטע יידן מוזן אויך אויפשטיין אין דעם אויפשטיין פון משיחן. דאָס באַלאַנגט צום רמב״מס סינטעטישן טראַכטן.

ל יי ע נ ע ר :

— ווער איז דער רמב״מס־משיח?

מ ח ב ר :

— ער קוקט אויס פסיכאָלאָגיש ווי דער רמב״ם און שטייט אין דעם עיגול פון רמב״מס השגות. ווערליק דעם רמב״ם איז משיח אַ רעליגיעזער מחנך און אַ פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פיגור און גיט אויף דער יידישער טראַגעדיע אַ טיפּיש־רמב״מישן אויסוועג: יידן האָבן פאַרלאָזט די געבאָטן פון דער תורה און דערפאַר





פאַרלוירן זייער מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט. ווען משיח וועט קומען וועלן יידן פונדאַסניי ווערן גוט און פרום און צוריק באַקומען זייער מלוכהשע זעלבסטשטענ־דיקייט.*)

ל יי ע׳נ ע ר :

— ווי האָט דער האר״י באַנומען דאָס יידישע משיח־געשטאַלט?

מ ח ב ר :

— ווערליק ווי דער האר״י האָט באַנומען דאָס יידישע גאָט־געשטאַלט. די גאָטהייט איז די געשטאַלט פון דעם קאָסמישן מענטש.**) די יידישע גאָטהייט איז דער קאָלעקטיווער ייד. די טראַגעדיע פון דעם פאָלק ישראל איז צוגלייך די טראַגעדיע פון דעם אלהי־ישראל. די שכינה אין די אויבערשטע עולמות גייט אַדורך אַלע ליידן און פיינען פון דעם פאָלק־ישראל אויף די פליינען פון עולם־התחתון. משיח איז דאָס אימאַנענטע געשטאַלט פון דער היסטאָרישער יידישער נאַציע. ווען משיח דערלייזט דאָס יידישע פאָלק פון גלות ווערט צוגלייך די יידישע גאָטהייט דערלייזט פון גלות. עם־ישראל און אלהי־ישראל איז א יי נ ־ א ו נ א יי נ צ י ק ע ר ע צ ם אויף אומצייליקע דימענסיעס. דער דריטער אויפן שטאַפּל פון אָט די דימענסיעס, איז די תורה. די יידישע גייסטיקע קולטור. זי איז דער פּלאַן און דאָס קאָנסטרוקטיווע בילד פון אַלצדינג וואָס איז יי ד י ־ ש ע ר ב אַ ש אַ ף. די דערלייזונג פון יידן איז פולשטענדיק אימאַנענט מיט וועלט־און־גאָט־דערלייזונג. דאָס איז משיח און זיין טאַט.

ל יי ע נ ע ר :

— אין אָט דעם יידישן וועלט־מיטאָס שפּילט אויך ארץ־ישראל און ירושלים אַ גרויסע ראָליע?

מ ח ב ר :

— ארץ־ישראל, דער עיקר די שטאָט ירושלים זענען אידענטיש מיט דער וועלט־סימבאָליק פון יידישן קיום אין באַוווּסטן און אומבאַוווּסטן פון יידישן קאָ־

---

*) „לא נתאוו החכמים והנביאים ימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם ולא כדי שירדו בגוים, אלא כדי שיהו פנוים בתורה, וחכמתה ולא יהיה להם נוגש ומבטל (רמב״ם, „משנה תורה״, הלכות מלכים).

עס זעט זיך אויס, אַז פון אַלע משיח־וויזיעס אין תלמוד איז דעם רמב״ם אַמנאָענטסטן געווען צום געמיט דער מאמר פון שמואל (ברכות, ל״ד): אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכיות בלבד, שנאמר „לא יחדל אביון מקרב הארץ״.

**) בגין דיוקנאָ דאָדם הוא דיוקנאָ דעלאין ותתאין דאתכללו בי״ה״ (אדרא רבא, נשא, ק״א).

לעקטיוו. ממילא האָבן זיי געמוזט פאַרנעמען אַן אָרט אין דער מחשבה פון די מקובלים ווי וויזיעס פון אויבערשטקייטן. ארץ־ישראל של מעלה און ירושלים של מעלה. זיי זענען משיחישע קאָלאָריטן פון דער ווונדערלעכער אליהו־הנביא־געשטאַלט. די וועלט־בלעטער און זייערע תקופות מישן־זיך־איבער ווען עס קומט משיח. אַלע ווירקלעכקייטן פאַראינערלעכן־זיך ווען עס קומט משיח. דערמיט ווערן זיי דימענסיע־רייכער אין זייער עקזיסטענץ. די קליפּות לעשן זיך אויס צוזאַמען מיט זייערע פינצטערנישן, ווען עס קומט משיח. עס ווערט צוריק דער כולו־טוב. דער „המתקת הדינים". די וועלט־געזעצן ווערן שטילע ווי טויבן און זיס ווי האָניק. אין דער דאָזיקער זיסער שטילקייט פאַרבינדט זיך דער אלהי־ישראל מיטן קאָסמישן „אפס" און עס ווערט דער עולם־התיקון.

ל יי ע נ ע ר :

— וואָסערע אַנטוויקלונגען און קאָנסעקווענצן האָבן זיך אויפגעטון אין דער ווייטערער ייִדישער געשיכטע, נאָכדעם ווי דער ייִדישער מיטאָס האָט אויפגעשלאָסן זיינע געשטאַלטן? וואָסערע ליכטער האָבן זיך דערפון אָנגעצינדן אין די ייִדישע טראַכטענישן?

מ ח ב ר :

— ביי זייער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פאַנטאַזיע זענען די צפתער מקובלים נישט אַרויסגעגאַנגען ווייטער פונעם שטח פון זייערע טעאָרעטישע וויזיעס. די ימות־המשיח האָבן דאָרט געהאָנגען אין דער לופטן ווי די פּורפּורנע שקיעות ערב־שבת־קודש. דאָס איז געווען כמעט ווי אַלץ און אַלצדינג.

ל יי ע׳נ ע ר :

— פאַרוואָס?

מ ח ב ר :

— דער ייִדישער ישוב ווי אַ קאָלעקטיוו־טעטיקע ייִדישע מאַסע איז אין דעמאָלטיקן ארץ־ישראל געווען צו־קליין כדי צו פאַרוואַנדלען די וויזיע אין ט אָ ט. די לעגענדעס דערציילן, אַז דער האר"י האָט עטלעכע מאָל געוואָלט אַריבערטרעטן די שוועל צווישן מחשבה און מעשה. גיין מיט זיינע תלמידים קיין ירושלים און ברענגען משיחן. ער האָט געגלויבט צו האָבן געטראָפן די רגע פון דער גאולה. די גרעסטע יחידים קענען אַ ל יי ן נישט פאַרוואַנדלען זייער וויזיע אין טאַט אָן דער „התערותאָ דלתתאָ". אָן דער מיטהילף פון דער גרויסן מיטאָס־רעזערוואַר ווי עס איז דער מענטשלעכער צי דער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. דעם האַ־





ר"י׳ס תלמידים, די גרויסע אינטעלעקטואַלן, האָבן זיך געוואַקלט ווען ער האָט זיי גערופן נישט בלויז צו דער מחשבה פון דער גאולה, נייערט צו דער טאַט פון דער גאולה.

## זיבעטער דיאַלאָג

ל יי ע נ ע ר :

— זענען שפּעטער דעם האר"יס וויזיעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טאַט־האַפטיקייט?

מ ח ב ר :

— מיר לעבן נאָך היינט אין די צייכנס פון יענער אויפגעשלאָסנקייט. ביזן חורבן־היטלער האָט דער אויפברויז פון ייִדישן קאָלעקטיוון מיטאָס זיך נישט אָפּגעשטעלט אין די עקזאַלטירטע און טאַטפולע ייִדישע מאַסן.

— איידער איך וועל רעדן פון פּוילישע ייִדן און זייערע מקובלים, וויל איך צוערשט ברענגען אַ ביישפּיל פון דער גריכישער פילאָזאָפיע.

— אַרכימעדעס איז געקומען צו דער פאָלגנדיקער מסקנה:

— מיר זעען אין דער מאַטעמאַטיק, אַז פון א יי ן נ ו ל צי פון א יי ן א יי נ ס הייבט זיך אָן אַ קאָמפּליצירטער בנין פון ציפערן. די נ ו ל צי די א יי נ ס וואַקסט אויס צו אַ געשטאַלט פון אומענדלעכקייט. דאָס גלייכע טוט די געאָמעטריע. זי נעמט איין און איינציקן פ ו נ ק ט און לאָזט אים זיך־פאַנאַנדערוואַקסן אין אַן אומענדלעכקייט פון קאָמבינירטע פאָרמען. אינעם קרייז פון די דאָזיקע קאָמבינירטע אומענדלעכקייטן — זאָגט אַרכימעדעס — מוז זיך ווידער געפינען אַ „נ ו ל" צי אַ „פ ו נ ק ט" וואָס דרייט דאָס ראָד אויף צוריק און פירט די אומענדלעכקייטן פון אויפס...יי צוריק צו זייער שורש אין דער נ ו ל און אין דער מיקראָסקאָפּישער נקודה. ווען אַ מענטש זאָל זיך דערוויסן וווּ אָט דער פונקט צי אָט די נול געפינען זיך אין דעם קאָמפּליצירטן געוועב פון דער אומענדלעכקייט, וואָלט ער בכוח געווען מיט אַלע וועלטן צו באַוועגן ווּעדליק די באַוועגונגען פון זיין רצון. ער וואָלט עס געטון מיט דער לייכטקייט פון אַ קינד וואָס באַוועגט מיט איין ריר די קאָמפּליצירטסטע פּאַפּירענע ווינטמיל..

— די מקובלים זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון אַזאַ אַרכימעדישע מסקנה. די אומצייליקע אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן, זענען נייערט קאָמבינאַציעס און צירופים פון די זיבן און צוואַנציק אותיות פון ייִדישן אלף־בית. די זיבן און צוואַנציק ייִדישע אַטאָמען שפּילן זיך אין אַ געאָמעטרישע און מאַטעמאַטישע קאָמבינאַציע פון וועלטן. און דאָס זענען די אַקטיווע געשטאַלטן פונעם באַשאַף. די זינדהאַפטיקייטן פון חומר און די בייזוויליקע אימפּולסן פון דער ליידנשאַפט זענען אותיות אלף־בית אויף די שטאַפּלען פון ירידה. די העכערע

השגות און דערקענטענישן זענען אותיות אלף־בית אויף די שטאַפּלען פון עליה*). אַלצדינג וואָס מיר וויסן און אַלצדינג וואָס מיר טוען זענען נייערט אַ גאָמעט־רישער צירוף פון די אותיות אלף־בית. די זיבן און צוואַנציק אותיות זענען די זיבן און צוואַנציק ליכטער מיט וועלכע דער „אפס" קוקט אַרויס פון די מאַסקעס און פּרצופים פון באַשאַף.

— אין צפת האָט מען די זיבן און צוואַנציק ייִדישע אותיות כסדר געהאַלטן אויף דער מדריגה פון עליה און טראַכטעניש. מען האָט מיט זיי קאָמבינירט און קאָמבינירט און פון זיי אויסגעבויט דאָס גראַנדיעזע בנין פון טעאָרעטישער קבלה. דער האר״י האָט אַפילו געפּרוווט טאַטהאַפּטיק צו עקספּערימענטירן מיט דעם אַרכימעדישן פונקט אין דער מאַטעמאַטישער קאָמפּליצירטקייט פון זיינע וועלט־וויזיעס. ער האָט געפּרוווט אומצוואַנדלען די אויבערשטע מחשבה אין אונטערשטער טאַט. דערמיט ווערן משיח. איינער אַליין, אָן דער מיטהילף פון אַ הייפל תלמידים — האָט זיך עס אים נישט איינגעגעבן.

## ליי׳ענער:

— פאַרוואָס האָט זיך עס אים נישט איינגעגעבן?

## מחבר:

— התערותא דלתתא מיינט: יעדע שאַפערישע מחשבה — אויב זי וויל קומען צו געשטאַלטונג — מוז זי האָבן איר יניקה אין די טיפע טונקלענישן פון מענטשלעכן קאָלעקטיוו. מחשבה און טאַט זענען אַ סיבּטעז פון יחידישער באַוווּסטקייט און קאָלעקטיווער אונטערבאַוווּסטקייט. שאַפערישע געשעענישן אין דער געשיכטע, אין דער וויסנשאַפט, אין דער קונסט און אין דער פילאָזאָפיע קומען פון די אויפגעשלאָסנקייטן פון קאָלעקטיוון מענטש. ווענדליק דעם ייִדישן מיטאָס הייסט עס: גייסטיקע אַנטפּלעקונגען זענען נייערט גילוי־אליהו. די טיפסטע טונקלענישן אין מענטש זענען צוגלייך די אויבערשטע ליכטענישן אין מענטש. אין ארץ־ישׂראל זענען דעמאָלט געווען צו ווייניק ייִדן — ווי אַ קאָלעקטיווע מאַסע. אָן האר״י אַליין קאָן גאָרנישט באַווייזן אָן די אויפגעשלאָסענע קוואַלן פון דער קאָלעקטיווער מאַסע.

*) מיט די זעלבע אותיות אלף־בית שרייבט מען נאַרישקייטן און נידערטרעכטיקייטן. מיט די נעמלעכע אותיות שרייבט מען די דערהויבנסטע ווערק פון קונסט און פּאָעזיע און די טיפסטע טראַכטענישן פון מענטשלעכער דערקענטעניש.





## ליי׳ענער:

— דערלויבט מיר זיך צו באַנוצן מיט אַ יונגישן טערמין כדי קלאָרער צו שטעלן מיין פראַגע: ווו האָט זיך דעמאָלט, דער ייִדישער אַרכי־טיפּוס, דער קאָלעקטיווער ייִד, געפונען אין זיין מיטישער אויפגעשלאָסנקייט?

## מחבר:

— אין די פיר לענדער פון קרוין־פּוילן. די ייִדישע מאַסע איז דאָרט געווען אין איר גרעסטער צאָל־רייכקייט. צאָלרייכקייט אויף אַלע מדריגות פון אַ געזעלשאַפט. די תקופה איז געווען אַ וויזיאָנערישע. דער ייִדישער מיטאָס האָט פאַנאַנדערגעשפרייט זיינע פליגלען ווי דער פויגל פעניקס. די מאַסן אונטן און די טראַכטער אויבן האָבן געלעבט אין אַ יצירהשער תקופה. אָט די תקופה איז זינט דורות און דורות געלעגן אין זייער בלוט ווי אַ פאַרטונקלט וועלט־ליכט. ווי אַ בוצינא דקורדנייתא. איצט האָט זי העל אויפגעשיינט אין די הימלען איבער ייִדישע קעפּ און אויף די ערדן אונטער ייִדישע פיס. די פּראָסטע שבפּראָסטע ייִדן און די העכסטע שבהעכסטע ייִדן זענען געווען געקניפּט און געבונדן צוזאַמען אין אַ קאָלעקטיווער וויזיע כהאי קמצא דלבושיה מיניה וביה, ווי דער היישעריק מיט זיין פאַנצער. אליהו הנביא האָט זיך פראַנק־און־פריי אַרומגעדרייט צווישן די אויבערשטע און די אונטערשטע ייִדן. מיט די אויבערשטע ייִדן האָט ער געשמועסט סתרי־תורה. מיט די ייִדן פון אונטן — מכוח פּרנסה וכדומה טאָג־טעגלעכע זאָרגן. ער האָט זיי דערציילט מעשׂיות אויף עברי־טייטש. מעשׂיות וואָס האָבן געוואָרעמט זייערע הערצער און פאַנאַנדערגעלויכטן זייערע דמיונות. מעשׂיות פון גויים און פון קעלבלעך. די מעשׂיות זענען געווען פול מיט סתרי־תורה ווי אַן עפּל מיט זאַפטן. די דאָזיקע סינטעזע צווישן עם־ישׂראל און אלהי־ישׂראל האָט שפּעטער דאָס חסידות אויסגעבויט אין אַ מער פאָלקסטימלעכער פאָרעם. דער בעל־שם האָט געזאָגט, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן „לעיני כל ישׂראל" — ווענדליק „ייִדישע אויגן". די תורה בייט אירע געשטאַלטן לויט די דיאַלעקטישע געשטאַלטן אין דעם קאָלעקטיוון איינס פון ייִדישן פאָלק. „הקדוש ברוך הוא וישׂראל ואורייתא חד הוא". די ייִדישע געטלעכקייט אויף אירע מדרגות איז דאָס געשטאַלט פון קאָסמישן ייִד אויף זיינע מדרגות. אויפן שטח פון אַזעלכע השגות איז אויך דער כביכול אין זיין הערלעכקייט געוואָרן אַ ייִד צווישן ייִדן. ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו שמועסט זיך אויס מיטן רבונו של עולם ווי מיט זיינס גלייכן. רופט אים צו דין־תורה. לאָדנט זיך מיטן באַשעפער פון די וועלטן אַקוראַט ווי די ייִדן אויף די יאַרידן פון די ארבע ארצות. כביכול איז דער ייִד פון אומעטום נישט בלויז אין דעם וואָס איז ענדלעך, נייערט אויך אין דעם וואָס איז אומענדלעך. ער לייגט תפילין ווי ייִדן. טוט מצוות ווי ייִדן. טוט ער אויך עבירות? וואָס

זענען די צרות פון ייִדן, אויב ניט די עבירות פון דעם אלהי־ישראל? ער איז אין גלות צוזאַמען מיט ייִדן און וואַרט מיט זיי צוזאַמען, אַז משיח זאָל קומען און אים צוריק אַריינפירן אין ירושלים של מעלה און אין ירושלים של מטה. אָן דעם עולם־התיקון איז גאָט אַ מלך־אביון און דרייט זיך נעבעך אַרום ווי אַ ייִד אַן אָרעמאַן אין די חורבות פון עולם־התוהו.

— אין די ימים־נוראים, ווען די וועלט־ביכער ליגן אויפגעמישטע און מען קוקט איבער די חשבונות פון ייִדן, קוקט מען אויך איבער די חשבונות פון דער ייִדישער גאָטהייט. מען משפט אים דעם אלהי־ישראל. און מען משפט אים מיט דעם גאַנצן חומר־הדין. וואָרים דער אלהי־ישראל מאַכט ביטערע טעותים. דעריבער פירט דער „בליעל” די גרענדע. דעריבער מוז משיח נעבעך זיצן אין צוועלף קייטן צווישן די ארחי־פרחי פון דער וועלט. פופציק שערי־תשובה זענען פאַראַן — זאָגט ר׳ נחמן בראַצלאַווער אין די „ליקוטי־מוהר”ן” — אין ניין און פערציק טוען ייִדן תשובה. אין פופציקסטן טויער זיצט דער אלהי־ישראל אויף אַ פוסבענקעלע. ער טוט אויך תשובה אויף באַגאַנגענע טעותים.

לייענער:

— וואָס האָט עס אַ שייכות צו קבלה־מעשית?

מחבר:

דער ייִדישער קאָלעקטיווער אַרכי־טיפּוס — ווערליק ווי ער איז אויסגעוואַקסן אין פּוילן — האָט זיך מער נישט געקאָנט באַגנוגענען מיט בלויז טעאָרעטישע קאָנסטרוקציעס. אין פּוילן האָט אין די וויזיעס געברענט אַ תשוקה צו פאַרווירקלעכונג. אין די זיבן און צוואָנציק אותיות אלף־בית וואָס זענען די אור־עלעמענטן פון אַלצדינג וואָס איז ווירקלעך און אַלצדינג וואָס איז מעגלעך — האָט מען אין פּוילן געזוכט די ערשטע נקודה וואָס מאַכט דעם מענטשן פריי און גיט אים געטלעכע פרייהייטן. אויב מענטשן גלייבן אין זייער פרייהייט צו האָבן געפונען די שליסלען צו די גאָטהייטן — באַשאַפן זיי טאַקע פאַר זיך אַ סך היסטאָרישע גרויסקייט. צוגלייך פאַרפלאָנטערן זיי זיך אין אַ וועלט־טראַגעדיע אין וועלכער זיי ווערן ביטער אויסגעלאַכט ווי די קלוגע נאַראָנים אין די שעקספּירישע שוישפּילן. ייִדן שטעלן זיך דאַן אַליין אַוועק אויף אָפּגרונטן פון אומקום. פון גרויסע אָנהייבן קוקן אַרויס סופן. די גאָטהייטן זענען ליכטיק און פינצטער און טראָגן אויף זיך אַלערליי מאַסקעס. די וויסענישן פון דער אמונה זענען פול מיט מעגלעכקייטן און אויסזיכטן. די וועגן פון דער טראַגעדיע ציִען זיך ליידער צווישן אַ שלל פון אויסזיכטלאָזיקייטן. יעדן וויזיאָנער דראָט צו פאַרלירן זיין קאָפּ.





## אַכטער דיאַלאָג

לייענער:

— ווי לאַנג האָבן אָט די טראַגישע וויזיעס געדויערט אויף דער פּוילישער ערד?

מחבר:

— ביז צום חורבן היטלער. ייִדן האָבן נישט געגלייבט אין חורבן־היטלער פונקט ווי זיי האָבן נישט געגלייבט אין חורבן ת”ח. וויזיאָנערן לעבן מיט דערפאַרונגען וואָס פּאַסן זיך נישט צו צו די דערפאַרונגען פון דער ווירקלעכקייט. אין פּוילן האָבן ייִדן נישט אויפגעהערט צו זוכן דעם אַרכימעדישן פונקט פון דעם קאָסמישן וועלט־ייִד. אין דער דאָזיקער האָפערדיקייט האָבן זיי אַרויסגערופן קעגן זיך דאָס שיקזאַל.

— אָט דאָס ייִדישע כּעניש האָט זיך געביטן ווערליק דעם גייסט פון די תקופות. איך וויל דערמאָנען בלויז די דריי כאַראַקטעריסטישע הויפּט־תקופות פון דער נייער ייִדישער געשיכטע אונטערן איינפלוס פון אויפגעוואַכטן ייִדישן מיטאָס, נעמלעך: דאָס חסידות, די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור און די רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט פון ייִדישן סאָציאַליזם. די דאָזיקע דריי תקופות ווייזן צום באַשיימפּערלעכסטן ווי מען האָט אין ייִדישן קאָלעקטיוון געשטאַלט געגלייבט צו האָבן געפונען דאָס געשטאַלט פון תיקון־העולם. ווערליק מאָדערנע באַגריפן וועט עס הייסן: דאָס געשטאַלט פון אַ בעסערער וועלט. מיר מאָדערנע ייִדן, אַפילו אַזוי גערופענע ייִדישיסטן, האָבן נאָך ביז היינט צו טאָג נישט געוווּסט אָפּצושאַצן די ייִדישע שפּראַך און איר ראָל אין די אויבנדערמאָנטע תקופות. אַמאָליקע ייִדן האָבן דאָס לשון ייִדיש גערופן „גאָטס־ייִדיש”*. אין לשון ייִדיש האָבן זיי געהערט דאָס וואַלד־רוישן פון די ברויזנדיקע פאָלקס־טיפענישן. דאָס קול פונעם קאָסמישן ייִד וואָס שפּאַנט אומאויפהערלעך און אומאויפהערלעך איבער די אויבערשטע און אונטערשטע וועלטן.

לייענער:

— גלייבט איר טאַקע אַז ייִדן עקזיסטירן בלויז כדי צו ברענגען משיחן און צו באַשאַפן די בעסערע וועלט?

מחבר:

— דער ווערט פון ייִדישער עקזיסטענץ געווענדט זיך אין ייִדן אַליין. ייִדן קאָנען זיין העכער ווי די שטערן און שפּלער פון דעם שטויב.

*) זע ריבקינדס הקדמה צום בוך „ייִדישע געלט”, זייט 44.

ל יי ע נ ע ר:

— אויב דער ווערט פֿון ייִדן ליגט בלויז אין דעם ווערט ווען זיי עקזיסטירן אין די פּערספּעקטיוון פֿון עולם־התיקון, צי גלייבט איר, אַז ער וועט ענדלעך קומען, דער עולם־התיקון?

דער מחבר שווייגט.

ל יי ע נ ע ר:

— מן־הסתם ווייסט איר אַליין נישט וואָס צו ענטפֿערן.

מ ח ב ר:

— איך בין אַ ייִד און לעב מיט אמונה. אַ ייִד אָן אמונה איז אָן אומגליקלעכער שאַלקס־נאַר.

## נײַנטער דיאַלאָג

ל יי ע נ ע ר:

— נחזור לעניננו: פֿאַרוואָס האָט איר אָנגעשריבן „סוף״ ביי אַ געשטייגערטן מאָמענט פֿון שבתי־צביס פּערזענלעכקייט? פֿון זיינע ווייטערע מעשים האָט איר נישט וואָס צו דערציילן?

מ ח ב ר:

— שבתי־צבי איז געווען אַ טיפּישער ביישפּיל פֿון אַ משיח וואָס גלייבט, אַז די פֿולע דערליידזונג געפֿינט זיך אין די היכלות פֿון טעאָריעס און די טראַגעדיע פֿון דער וועלט איז גייערט אַ טראַגעדיע פֿון מחשבות. ער האָט ייִדן געזען ווען ווען זייער שאָטן אין די הימלען. ער האָט אויך נישט געהאַט אונטער זיינע פֿיס די ייִדישע מאַסע פֿון די ארבע־ארצות. די ערד־ייִדן פֿון מיטאָס וואָס אויבן זענען זיי מחשבה און אונטן — האָרעפּאַשנע טאַט.

— וואָס איז אַ משיח וואָס קאָן זיך בלויז אויסגעפֿונען אויף די פֿליגלען פֿון רעיונות? אַ משיח וואָס פֿילט זיך נאָר געטלעך לעבן דער גאָטהייט. אונטן צווישן מענטשן פֿאַרלירט ער זיך ווי אַ וואָרעם אין געמויזעכץ.

— צווישן אויבערשטער גרויסקייט און אונטערשטער מינדערווערטיקייט איז שבתי־צבי צעריסן געוואָרן אין די לאַפּעס פֿון כף־הקל. פֿון זיינע הויכענישן איז ער אָפּט אַריינגעפֿאַלן אין שפֿלות־געפֿיל און געטאַפּט אַרום זיך ווי אַ בלינדער. צום סוף באַפֿאַלט אים אַ פּחד פֿאַר זיך אַליין און ער וויל אַנטלויפֿן פֿון זיין אייגענעם שאָטן. שבתי־צבי האָט פֿאַראַטן ייִדן מיט דעם געפֿיל זיך ערגעץ־ווו אויסצולעשן ווי אַ לאַמטערן אין געוויטער. בלויז דאָס פּערזענלעכע געשטאַלט פֿון אַזאַ סאָרט משיח האָט פֿאַר אונדז אַ ווערט. זיינע היסטאָרישע מעשים און השפּעות זענען העכסטנס אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד און אַן אָנזאָג פֿון





דעם, וואָס געשעט ווייטער איבער זיין קאָפּ און לאָזט אים איבער אין דער פֿאַרגעסעניש. שבתי־צביס משיחיזם האָט נאָך אַ צייט שפּעטער אָפּגעציטערט אין די ייִדישע לופֿטן. ער איז אָבער נישט געווען בכוח צו געבן דאָס נייע געשטאַלט פֿאַר דער ייִדישער נאַציע.

ל יי ע נ ע ר:

— ווען די קבליסטישע השפּעות, ווער האָט שפּעטער געגעבן דאָס נייע געשטאַלט דער ייִדישער נאַציע?

מ ח ב ר:

— קודם־כל דאָס חסידות פֿון בעל־שם. צווישן די טעאָרעטיקער אין צפֿת האָט דער פֿיזישער און גייסטיקער ייִדישער מענטש געשפּילט בלויז די ראָל פֿון אַ מאָדעל. לויט זיין קאָנסטרוקציע האָט מען געוואָלט טעאָרעטיש אויפֿבויען די קאָנסטרוקציע פֿון קאָסמישן באַשאַף.

— דער בעש״ט און זיינע תלמידים זענען געגאַנגען אויף אַ קעגנזעצלעכן דרך. די אַבסטראַקטע ייִדישע מחשבה האָבן זיי גענומען און אַראָפּגעטראָגן צו דער אונטערשטער רעאַליטעט פֿונעם ייִדישן אַרכיטיפּ. נישט אַז דער מענטש איז דער מאָדעל פֿון דער השגה, נייערט די השגה איז די אויסשטראַלונג פֿונעם מענטש. די ייִדישע וועלט־השגה איז דאָס געשטאַלט פֿון ייִדישן מענטש אויף אַן אַנדערער דימענסיע.

— דער בעל־שם האָט געזאָגט, אַז די תורה ווערט יעדן טאָג איבערגעשאַפֿן ווען די געשטאַלטונגען פֿון ייִדן. מאָדערן גערעדט: די דיאַלעקטיק פֿון דער קולטור, געשטאַלטיקט זיך ווען דער דיאַלעקטיק פֿון דער געשיכטע. דאָס קאָלעקטיוו־אומבאַוווסטע, — דער גילוי־אליהו — איז נישט בלויז די אַנטפּלעקונג פֿון סודות־התורה צו מקובלים. ס'איז און מוז זיין אַ סינטעז פֿון מחשבה און טאַט. ווען דעם חסידות מיינט אַנטפּלעקונג צוויי זאַכן צוגלייך. אליהו־הנביא איז מגלה די לעצטע וויסענישן צו דער ייִדישער מחשבה, ער גייט אָבער אויך אַרום ווי אַ האָרעפּאַשנער ייִד צווישן האָרעפּאַשנע ייִדן און האַלט זיך מיט זיי אויף איין מדריגה. האָרעפּאַשנע ייִדן זענען אויך אותיות פֿון דער תורה און זענען — אויף זייער פֿאָלקסטימלעכן אופֿן פֿול מיט די אויבערשטע וויסענישן. דאָס איז געווען אַ סינטעז וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט די ייִדישע געשיכטע און פֿולשטענדיק אומגעביטן אונדזערע פֿאָרשטעלונגען וועגן איר.

— אויף אַ מאָדערנעם אופֿן האָט די דאָזיקע טאַט שפּעטער געטון דער ייִדישער הומאַניזם. איבערהויפּט האָבן עס מיט גרויס דערפֿאָלג געטון די ייִדישע ליטעראַטור און דער ייִדישער סאָציאַליזם. די ייִדישע ליטעראַטור האָט טיף געגראָבן אין די קוואַלן פֿון דער שפּראַך ייִדיש, אין „גאָטס ייִדיש״. אין די מיטישע שפּראַך־

בילדער פון ייִדיש האָט זי געוואָלט אויסגעפונען דעם ייִדישן מענטש און דערמיט אויך די צורות פון ייִדישער וועלט־טראַכטעניש.

לייענער:

— פאַרוואָס דערמאָנט איר דעם ייִדישן סאָציאַליזם ווי אַ שעפערישע און משיחישע פאָרעם פון דער נייער ייִדישער געשיכטע?

מחבר:

— דער ייִדישער סאָציאַליזם האָט די פּראַקטישע מעשים פון דער ייִדישער געשיכטע געוואָלט געבן די צורה פון קאָלעקטיוון ייִדישן מענטש. דער ייִדישער סאָציאַליזם האָט זיין פּלאַטאָנישע אידייע געזען אין דער ייִדישער ליטעראַטור און ער האָט זי באַטראַכט ווי זיין ירושלים של מעלה. דאָס איז אַ סינטעז פון ייִדישערווירקלעכקייט און ייִדישן גייסט.

— „ישראל והקב״ה ואורייתא חד הוא“. ווי אַ המשך ווערט דאָס ייִדישע פאָלק געזען אויף דריי דימענסיעס. די דריי דימענסיעס ווי־דערשפּרעכן זיך אין דער פאָרמולירונג. זיי זענען איינס אין אַן עצם. מען זעט ייִדן אין דעם בילד פון זייער גאָטהייט. מען זעט ייִדן אין זייער קאָלעקטיווער פיזישער עקזיסטענץ. מען זעט ייִדן אין דעם קולטור־בילד פון זייער מחשבה. אין דִי דאָזיקע דריי קאַרדינאַלע דימענסיעס זענען געגעבן געוואָרן די דריי שורשדיקע עקזיסטענצן פון דער ייִדישער וועלט־געשיכטע.

— עס איז נאָך נישט אַלצדינג.

— די תורה האָט זיבעציק פּנימער. זי איז אַ פּרד״ס און איז פול מיט דעם אַנטפּלעקטן אין „צמצום“ און מיט דעם באַהאַלטענעם אין „אפס“. נגלה און נסתר. גאָטהייט און מענטשנטום. האָפענונג און יאוש. לעבן און טויט. אונ־טערשטקייטן און אויבערשטקייטן. די מקובלים האָבן אין ייִדן געזען דעם קאָס־מאָס אינעם ליכט און שאָטן פון זיינע אַלערלייאיקייטן.

— די ייִדישע נאַציע איז אַ כסדרדיקע באַוועגונג פון אימאַ־נאַציעס. מיט דעם וואָס מען פיקסירט אַ געוויס בילד פון דער ייִדישער קולטור האָט מען אָט די קולטור אַבסאָלוט נישט צוגעפּ׳רט צו ענדגילטיקייט. זי איז ווי דער פעניקס וואָס בייט זיך כסדר אין זיינע פּע׳ערן און בלייבט פאָרט איין געשטאַלט וואָס באַוועגט זיך פאָראויס און פאָראויס. דעריבער האָט מען כסדר צוגעשריבן „פירושים“ צו די שוין־פאַראַנענע „אויפגעשריבנקייטן“. מען האָט די קולטור־געשטאַלטן פון דער תורה כסדר געמוזט איבערשטעלן וועדליק די גע־שטאַלטן פון דער ייִדישער נאַציע אין איר געשיכטלעכער באַ־וועגטקייט.





— די וואָס ווילן זען ייִדן דווקא אויף די פלאַכן פון איין „אויפ־געשריבנקייט“, מעג עס זיין דער תנ״ך, דער זוהר, צי דער רמב״ם — באַגייען אַ פאַטאַלן טעות. דאָס איז געווען דער טעות פון די קראָים, פון פראַנקן און פון אַנדערע פאַלשע משיחים ביי ייִדן ביז היינט צו טאָג. פון אַזעלכע משיחים ווערן סוף־כל־סוף אָפּטריניקע און פאַרעטער. זיי פאַרלאָזן ווי פּחדנים די טראַגי־שע שליאַכן פון דער ייִדישער נאַציע. עס מעג אונדז דינען פאַר אַ וואָרנונג.

— ייִדן עקזיסטירן נישט אויף איין פיקסירטן איצט. די תורה עקזיסטירט נישט אָן די שלייערן און געוועגדער פון אירע „פּירושים“ וואָס זענען קיינמאָל נישט ענדגילטיק.

לייענער:

— און די ייִדישע גאָטהייט, דער אלהי־ישראל?

מחבר:

— ער איז דער קאָסמישער ייִד וואָס גייט אינ־מיטן צווישן „אפס“ און דער ייִדישער נאַציע.

ניו־יאָרק, פעברואַר 1960.

# „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור"

י. י. טרונק איז צוגעגאַנגען צו דער יידישער ליטעראַטור, באַוואָפנט מיט אַ באַשטימטן פּראָבלעמען־ליכט. ער זוכט די אידעיִשע ליניִע אין דער יידישער ליטעראַטור. – י. י. טרונק האָט אַנטדעקט די צילבאַוווסטקייט פון דעם פּראָצעס (פון יידישן קולטור־רענעסאַנס). ער האָט אָנגעוויזן דעם גלייכן וועג, וואָס פירט צו די העכסטע שטאַפּלען פון אידעאַליזם.

דאָס ליכט, וואָס טרונק וואַרפט, איז אָבער רייצנד און ווירקט אומגעהייער, די וועלט־אָנשויונג (זיינע) גיט אונז טרונק אין איידל־פּאַטעטישן טאָן און דיכטערישער דערהויבונג.

„ביכער־נייעס", נומ. 2—3, ווארשע. ש. מ—ן

– – – י. י. טרונקס בוך פאַרנעמט זיך איבערצושאַצן צוויי הויפּט־שטרעמונגען אין אונזער ליטעראַטור און אַ גאַנץ היפּשע עפּאָכע אירע. – און נישט נאָר אַ פאַרמעסטונג איז טרונקס בוך, נאָר אויך אַ געוויסע דערגרייכונג. – – –

בכלל איז טרונקס בוך פון די געציילטע אין אונזער ליטעראַטור און פאַרלירט נישט זיין ווערט, אַפילו ווען מ׳איז מיטן מחבר נישט מסכים, און עס איז בכוח צו געבן אימפּולסן צו נוצלעכע באַטראַכטונגען און דיסקוסיע.

„די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, 6.26, 1929. יעקב באָטאָשאַנסקי

– – – י. י. טרונק האָט זיך אין זיין בוך געשטעלט די אויפגאַבע, אויסצוגעפינען די גרונט־אידעע, וועלכע גייט־דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אין דער יידישער ליטעראַטור; געבן אַן אַנאַליז פון די הויפּט־מאָטיוון ביי פאַרשידענע שרייבער אין אונזער נייעסטער ליטעראַטור – פון פּרצן, אַשן, ווייסענבערגן, – ביז עוזר וואַרשאַווסקין. פאַר י. י. טרונקן איז נישט וויכטיק ווי (אַזוי) שרייבט דער דיכטער, נאָר וואָס פּריידיקט ער מיט זיין שרייבן, וועלכעס פּראָבלעם שטראַלט־אַרויס פון זיינע ווערק, וועלכע געדאַנקען־ווערטן דרינגען־אַרויס פון זיינע ליטעראַרישע מאָטיוון.



י. י. טרונק פירט־אויס זיין אויפגאַבע זייער ערנסט און סאָליד. דאָס איז אַ גרינטלעכע, טיפע און גאַנץ אָריגינעלע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג איבער די פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע און זייער צוזאַמענהאַנג מיט די נייעסטע ליטעראַרישע שאַפונגען. דאָס בוך לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס און ציט שטאַרק צו זיך צו מיט דער דורכגעטראַכטקייט, קאָנסעקווענטקייט פון די געדאַנקען, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעזאָגט, און דער עיקר – מיט דער אָריגינעלער אַפאָריזמענאַרטיקער פאָרם, אין וועלכער דאָס בוך איז געשריבן. – – –

„נייע פאָלקסצייטונג", נומ. 36, 1227; י. א—קי

(ביינוש מיכאַלעוויטש)

– – – י. י. טרונקס בוך – – איז געאייגנט אַרויסצורופן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט – – – זיין אינהאַלט טרעט ווייט אַריבער די גרענעצן פון ריין־ליטעראַרישע באַטראַכטונגען. די ליטעראַטור דינט דאָ נאָר ווי אַ געלעגנהייט, ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון אַ געוויסער אידעע, אַ געוויסער גייסטיקער אָריענטאַציע. י. י. טרונקס „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור" איז אַן אני־מאמין, אַ שטאַרקער פירשפּרעכער פאַר אַן אָפּטימיסטישער אויפפאַסונג פון דער יידישער וועלט און פון יידישן לעבן – – – זיין אָפּטימיזם איז אַ קעמפערישער, אַן אָנגרייפערישער, און אַלס אַזעלכער ווירקט ער ממש פאַרבליפנד. – – – מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַרישער קריטיק. צום ערשטן מאָל ווערט דאָ, נעמלעך, געמאַכט אַן ערנסטער פּרווו, צו באַטראַכטן די יידישע ליטעראַטור נישט בלויז ווי אַ געוויסע צאָל גוטע און ווייניקער גוטע ביכער, וואָס אַרומצורעדן וועגן זיי איז די אויפגאַבע פונם רעצענזענט (אין דער צייטונג), נייערט דאָ ווערט פאָרגענומען אַ גרינטלעכע פאָרשונג פון די הויפּט־שטרעמונגען, פון די הויפּט־ליניען פון דער יידישער ליטעראַטור. – – –

„יודישע רונדשאו", (דייטש), נומ. 5, 1.18, 1929. ש. גאָרעליק

# „צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט“

## (נאָמבערג-בוך)

— — — י. י. טרונק אַנטפּלעקט פאַר אונז אין זיין בוך אין דער גאַנצער אמתדיקייט נאָמבערגס טראַגישע פּערזענלעכקייט. — — — דער מחבר קניפּט דאָ אָן אָן זיין פריערדיק בוך „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור“ (די צוויי ווערק זענען בכלל פאַרבונדן צווישן זיך) און גיט אַ רייע אינטערעסאַנטע און אָריגינעל-אויסגעדריקטע געדאַנקען איבער דעם מהות פון דער יידישער פּערזענלעכקייט. ער פירט-דורך רעם מנחם-מענדל-טיפּ דורך דעם, אין פלוג, מאָדנעם וועג: שלום-עליכם, פּרץ, נאָמבערג.

— — — די קאָמפּליצירטע דערשיינונג — ה. ד. נאָמבערג,— וואָס אַ סך האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ יוצא-דופנדיקע אין דער יידישער שיינער ליטעראַטור, איז דורך טרונקס אינטערעסאַנט בוך, אין אַ געוויסן זין, קינסטלעריש אין איר אַריינגעגלידערט געוואָרן. טרונקס בוך איז אויך, גלייכצייטיק, די לעבנס- און ליידנס-געשיכטע פונם דיכטער, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין טראַגישן געראַנגל — צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט.

„נייע פאָלקצייטונג“. ד. ב. מאַלקין

י. י. טרונק ווייזט-אַרויס אין זיין אַרבעט גרויס פּסיכאָלאָגיש אַריינדרינגלעכקייט, ווי אויך אַ געוויסע פילאָזאָפישע באַהערשונג פונם קעגנשטאַנד.

„... פּ ·עגלאָנד“, ווארשע, 7.2 1933. לעאָ פינקעלשטיין

— — — דידאָזיקע זעלטענע (ביי אונז) פרייד (פון אַ קריטיש ווערק איבער אַ יידישן שרייבער) האָט אונז געבראַכט דאָס צו דער צווייטער יאָרצייט דערשינענע בוך איבער ה. ד. נאָמבערג פון י. י. טרונק — „צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט“ — אַ טיפער, הייסאָטעמדיקער, אויספירלעכער אַנאַליז איבער דעם מענטש און שריפטשטעלער ה. ד. נאָמבערג. — — —

י. י. טרונק פאַרטיפט זיך אין דעם כאַראַקטער און שאַפן פון ה. ד. נאָמבערג, וואָס איז דער בעסטער לעבעדיקער סימבאָל פון יידישן מאָדערנעם יחיד.—אין נאָמבערגן זעט י. י. טרונק אַ פּערזענלעכקייט, וואָס געהערט, אין תוך, צו די אידעאַליסטישע שריפטשטעלער אין דער יידישער ליטעראַטור. — — —

„צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט“ איז אַן אַנאַליז איבער נאָמבערגן (פליגעלמאַנען), נאָמבערגס שאַפן און נאָמבערגס טיפּן, וואָס זענען וואַריאַציעס פון פליגעלמאַנען.

— — — י. י. טרונקס בוך איז אַ גייסטרייך ווערק, וואָס הלוואי אַ סך אַזוינע אין אונזער נישט צו-רייכער ליטעראַרישער קריטיק.

„ווילנער טאָג“. מ. נאַטיש

— — — ה. ד. נאָמבערגן נוצט י. י. טרונק אויס, כדי צו פּראָפּאַגירן זיין אייגענעם קוק אויף די אויפגאַבן פון ליטעראַטור בכלל און יידישער בפרט.

— — — די ווערט פון י. י. טרונקס סטיל, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיינע פריערדיקע עסייען, איז דאָ נישט קלענער געוואָרן. זיין מוח האָט אויך דאָ פאַבריצירט גענוג געוואַגטע און שיינע געדאַנקען. ער איז בילדעריש, פאַרכאַפּנדיק, אַפילו פאַרווילנד. — — — אַזוי שרייבט ביי אונז נאָך קיינער. — — —

„אונזער צייט“, קעשענעוו. ב. טוטשינסקי

י. י. טרונק באַלייכט טיף און אַלזייטיק די דערשיינונג ה. ד. נאָמבערג אין דער ליטעראַטור און לעבן, ווייזט-אויף די סיבות פון דער אינדיווידואַליסטישער אָנמעכטיקייט פון די אינטעליגענטע יחידים און קומט צום אויספיר, אַז די אייזערנע לעבנס-קאָנסעקווענץ צווינגט אַלע לעבעדיקע כוחות פון יידישן לעבן צו באַטרעטן דעם וועג פון דער קאָלעקטיוויסטישער טאָט אין דער קאָלעקטיוויסטישער קולטור-שאַפונג.

אַ באַזונדערע מעלה פון דעמדאָזיקן בוך איז די גלענצנדיקע פאָרם און דער ערנסטער, מאָדערן-אייראָפּעישער צוגאַנג צו די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען.

דאָס איז אַ בוך, וואָס וואָלט זיך נישט פאַרשעמט צווישן די בעסטע פון דעם מין אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור.

נאָטיץ אין „מאָמענט“.

# „יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים"
## און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן

י. י. טרונק איז אַ פּרציסט — פּרצס אַ תּלמיד, און ווי פּרץ — — — פּרובירט ער אויך אַלערליי קינסטלערישע פאָרמען, זוכט נייע מאָטיוון, אידעען. — — — ער האָט אוניווערסאַלע קולטור־האָריזאָנטן. ער האָט ליב צו פאַרבילדלעכן וועלט־פּראָבלעמען. ער איז איינער פון יענע, וואָס העלפן אונז אַרויס פונם אינטעלעקטועלן געטאָ. ער עפנט פאַר אונז אַ טיר אין דער גריכישער און רוימישער קולטור אַריין. („יאָזעפוס", „סימפּאָזיאָן", דער „בריוו צו נאָוואַטוסן"), ער פירט אונז אַריין אין דער וועלט פונם באַבילאָנישן מיטאָס („גילגאַמעש"). ער טוט עס נישט, ווייל ער וויל אונז אומקערן צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט. ניין, פאַרקערט, — ער וויל מאַכן ברייטער פאַר אונז דעם וועג צו דער צוקונפט און דאָס איז ביי אים נישט קיין טענדענציעזע פּראָגראַם, נישט קיין ווונטש, — ער פאַרווירקלעכט עס. עס געלינגט אים צו שטעלן פאַר אונז, מיט דער הילף פון היסטאָרישע געשטאַלטן, פּראָבלעמען פון היינט און מאָרגן, — פּראָבלעמען רעליגיעזע, עטישע, פילאָזאָפישע. — — —

ניו־יאָרקער „טאָג".

ש. ניגער

— — — י. י. טרונק, דער פיינגייסטיקער עסייאיסט האָט פון דעם קנויל (פון היסטאָרישע צוזאַמענשטויסן צווישן צוויי קולטורן) אויסגעטיילט איין פיגור — באמת די אינטערעסאַנטסטע, די פאַרביקסטע, אפשר די דראַמאַטישסטע — — — יוסף בן מתתיהו הכּוהן, וועלכער איז פאַראייביקט־געוואָרן אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען — יאָזעפוס פלאַוויוס. — — —

— — — עס אינטערעסירט אין דער אַרבעט פון י. י. טרונק נישט בלויז דער העלד אַליין פון דער געשיכטע, נאָר אויך איר פאָרם.

טרונק איז, דאַכט זיך, דער ערשטער, וואָס פירט־אַריין אין אונזער ליטעראַטור די עסייאיסטישע דערציילונג, די דערציילערישע מאָנאָגראַפיע.

— — — מיט דער הילף פון אַ קוועטשניט דורך יאָסעפוס פלאַוויוסעס לעבן, האָט טרונק אַרויסגעבראַכט אַ שאַרפן געדאַנקלעכן קוועטשניט דורך די וועגן און אומוועגן פון אונזער געשיכטע.

„מאָמענט", 2, 9, 16 מאַי 1930.

ב. קאַרלינוס

„יאָסעפוס פלאַוויוס" איז אַ הויכוועטיקער צושטייער צו אונזער היסטאָרישער ליטעראַטור. — — — דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס וועט בלייבן, וואָס איז אויף פעסטן פונדאַמענט פעסט געבויט־געוואָרן און פון גוטן רוי־שטאָף. — אַ נאָוועלע, וואָס וועט זיך אַוועקשטעלן אין דער פאָדערשטער ריי פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אַזאַ נאָוועלע קאָן מען מיט פאַרגעניגן לעזן איינמאָל און נאָכאַמאָל, און מיט נוצן קאָן מען זי אַריינגעבן אין אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר גימנאַזיעס. ביידעס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דויערנדיקן ווערט פון אַ קונסט־ווערק.

אַ מייסטערשטיק איז דער „בריוו צו נאָוואַטוסן" - די לעצטע נאָוועלע אין דערדאָזיקער זאַמלונג — — — אויך זי איז פון בפירוש בלייבנדיקן ווערט.

„פאָלקסצייטונג פאַר ליטעראַטור", 11 . 4, 1930.

מלך ראַוויטש

אין י. י. טרונקס יעדער נאָוועלע וועט איר געפינען צווישן די שורות די העכערע אידעע, וואָס פילט־אויס זיין אינערלעך לעבן און זיין קינסטלער־בליק אויף דער וועלט.

י. י. טרונק איז דערווייל דער איינציקער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט זיך אויסגעוויילט די היסטאָרישע נאָוועלע פאַר זיין אַרבעטס־געביט און האָט זי פאַרשטאַנען אַזוי פיין און פּרעציז אַרומצושלייפן, אַז מען קאָן אים באמת אָנרופן: דער מייסטער פון דער היסטאָרישער נאָוועלע. דער וווּנדערבאַרער הויך פון געשיכטע שוועבט איבער זיינע נאָוועלן, און אָט דערדאָזיקער הויך מאַכט מעגלעך צו פאַרשטיין מאַנכמאָל דעם אינערלעכן ריטם פון געשיכטע מער, ווי מען לייענט אין די היסטאָריש־געטרייע שילדערונגען און באַשרייבונגען.—

אין דער יידישער ליטעראַטור איז, דאַכט זיך, נישט אָנצוּווייזן אויף קיין בעסערער היסטאָרישער נאָוועלע וועגן פלאַוויוסן, ווי טרונקס. — — — אַלץ איז דאָ שטאַרק, קרעפטיק, און לייענט זיך ממש מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דו פילסט, ווי דו וואָלסט געטרונקען אַ טייערן, שמעקנדיקן וויין.

„אונזער עקספּרעס".

אלחנן צייטלין

— — — י. י. טרונקס נאָוועלן טראָגן צומייסטן אַן אימ־פּרעסיאָניסטישן כאַראַקטער. — — —

אין דער געדעמפּטער טאָנאַציע (אין וועלכער די נאָוועלן זיינע זענען געהאַלטן) ווייזט זיך אַרויס טרונקס קולטור, פּונקט ווי אין זיין וועלט־באַנעמונג און אין זיין טעמאַטיק.

„ליטעראַרישע בלעטער“ 38 (333).　　　　י. וויינינג

אונטער דעם נאָמען „יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן“ האָט י. י. טרונק, אַ גייסטרייכער שריפטשטעלער און עסייאיסט, וועלכער האָט שוין פאַרעפנט־לעכט נישט איין ווערטפול בוך — — — אַרויסגעגעבן אַ ווערק, וואָס פאַרדינט מצד דער יידישער קריטיק אַ באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט. דאָסדאָזיקע בוך, וואָס איז אַ ווערטפולער אָפּ־קלאַנג פון אונזער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, דעקט פאַר אונז אויף אַ ברייטן אָפּשניט פון אונזער יידישער געשיכטע, — אַן אָפּ־שניט, וואָס איז נאָך אין דער נייער יידישער ליטעראַטור נישט געקומען צום אויסדרוק. — — —

אַ גאַנץ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט אין דעם ווערק דער סטיל און דער ריטם. דאָס איז דער אַרט ריטם, וואָס פאַרוויגט אייך ביז שלומער, און דאָך בלייבט איר אַזוי קלאָר און לויטער. קיין איין וואָרט איז דאָ נישט איבעריק. אַלץ איז אויף זיין אָרט געפּאַסט.

לעזנדיק דאָסדאָזיקע ווערק, פאַרנעמט איר דעם קיל־מינאָרן טאָן, וואָס דערמאָנט אייך אַזוי שטאַרק אין קהלת.— — —

מיט דעם ווערק „יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים“, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל לויטערקייט, עכט־דיכטערישן געמיט און קינסטלערישן אמת, — האָט י. י. טרונק רעהאַביליטירט אַ גרויסע יידישע פּערזענלעכקייט און אַריינגעבראַכט אַ זוניקן צו־שטייער אין דער יידישער ליטעראַטור.

„היינט“, 3 .4, 1936.　　　　נ. שטערנבערג

— — — מיט אַלץ שטייגנדיקער פאַרווונדערונג לייענען מיר דעם באַנד נאָוועלן פון י. י. טרונק, „יאָזעפוס פלאַוויוס פון ירושלים און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן“. דער טאַטע פון די־דאָזיקע נאָוועלן איז דער אַנאַטאָל־פראַנסישער סקעפּטיציזם,



וועלכער נייגט זיך צו, פול מיט עטוואָס גרינגשעצנדיקער פאַר־שטענדעניש, צו די שוואַכקייטן פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס הילט זיך אַזוי גערן איין אין דער טאָגע פון העלדישקייט, און די מאַמע זייערע איז — די פאַרנעמע איראָניע פון אַן אַנאַ־טאָל פראַנס, — אַן איראָניע, וועלכע האָט שוין בכלל אויפגע־הערט זיך צו ווונדערן. — — —

און אַפילו בלויז דאָס, וואָס דידאָזיקע נאָוועלן (פון י. י. טרונק) דערמאָנען לפּחות אין אַלגעמיינע שטריכן, ד. ה., אין דער פאָרם און צוגאַנג צו דער טעמאַטיק, דעם גרויסן פראַנצוי־זישן סקעפּטיקער און איראָניקער, זאָגט אויך עדות וועגן דער גרויסער קולטור און דער רייפקייט פונם טאַלענט פון י. י. טרונק. — — —

— — — י. י. טרונק איז אַ שרייבער אַ פאַראַנטוואָרטלעכער, זאָרגט וועגן יעדן ניואַנס פון סטיל, וועלכן ער האָט אויסגע־שליפן און אויספּאַלירט, אויסציזעלירט און אויסגעצערטלט כמעט ביז ראָמאַנישער קלאָרקייט. — — אַזאַ לייכטע איבערבליק־באַרקייט פונם אויפבוי, אַזאַ צמצום אין דער אַרכיטעקטאָניק איז נישט אַזוי גרינג צו געפינען נישט בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור.

„פשעגלאָנד ליטעראַטורי זשידאָווסקעי“.　　　　ד"ר. קאַנפער

י. י. טרונק געהערט צו די זעלטענע שריפטשטעלער, וואָס מעסטן אונזער לעבן, דאָס מענטשלעכע לעבן בכלל, נישט מיט דער מאָס פון דער געשיכטע, נאָר מיט אַ פיל גרעסערער, — מיט דער מאָס פון אייביקייט, אויף וויפל מיר זענען זי בכוח צו באַגרייפן און תופס צו זיין.

— — — דער הויפּט־מאָטיוו פון טרונקס ווערק איז די טראַגיק פונם מענטש אין זיין שייכות מיטן שיקזאַל.

„בוך און לעזער“, וואַרשע, נומ. 2—3, יולי 1930.　　　　ד. ב. מאַלקין

# „יידישע קולטור = פראַגן און דער סאָציאַליזם“

— — — דער אינטעליגענט און דיכטער־פילאָזאָף י. י. טרונק — — — האָט פריי אַראָפּגעגנידערט אויפן האַרטן באָדן פון רעאַלן יידישן דאָזיין, דעקלאַרירט אין זיין בוך זיין שאָפעריש־אידעישע פאַרקנסונג מיט די יידישע מאַסן און מיט זייער דערלייזער — דער סאָציאַליזם. — — —

י. י. טרונק זוכט די געשיכטלעכע עקזיסטענץ פון דער „יידישער געמיינזאַמקייט“. — — — דער רעאַלער נאַציאָנאַלער אַטריבוט פון דער „יידישער געמיינזאַמקייט“ איז פאַר טרונקן י י ד י ש ! — — — יידיש ווי דער הויפּט־סימן פון „געמיינזאַמקייט פון שאַפערישער פסיכיק“, פון „קאָלעקטיוון קולטור־סטיל“ ביי דער יידישער נאַציע. — — —

„ווילנער טאָג“, נומ. 25, 1937. מיכאל נאַטיש

— — — דעם איינציקן אויסוועג פאַרן יידישן פאָלק זעט י. י. טרונק אין סאָציאַליזם, — אין אַקטיוון, נישט אין דעם אַבסטראַקטן סאָציאַליזם. — — — דער יידישער שרייבער מוז זיין גורל פאַרבינדן מיט יידיש און סאָציאַליזם. — — —

י. י. טרונק, דער פאַרנעמער עסייאיסט, באַגרינדעט די־דאָזיקע, אין איידעלן סטיל געהאַלטענע, גענוג אָריגינעלע אויספירן זיינע, לויטן אַדלערישן מעטאָד (אינדיווידואַל־פסיכאָלאָגיע). — — —

דאָס ווערק פון י. י. טרונק לייענט זיך גערן, ווייל עס רעגט־אָן צום טראַכטן. — — —

„נאָס פּשעגלאָנד“, 23. 6, 1937. לעאָ פינקעלשטיין

— — — דאָס בוך אָטעמט מיט אַקטועלקייט. דאָס איז נישט קיין אַבסטראַקטע אָפּהאַנדלונג, נאָר ענג פאַרבונדן מיט אונזער ווירקלעכקייט. מיט אַ טיפן פּאַטאָס און גלויבן רופט י. י. טרונק צום סאָציאַליזם, וואָס איז די איינציקע לעזונג פון דער אַ. ג. „יידן־פראַגע“.



י. י. טרונקס בוך איז אַ ווערטפולער צושטייער אין אונזער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

יעדער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אונזער קולטור־פראָנט, דאַרף דאָס בוך לייענען. דערצו נאָך, ווען דאָסדאָזיקע ווערק איז געשריבן אין אַ גלענצנדיקן סטיל און געהאַלטן אין אַ פיינעם דערהויבענעם טאָן. — — —

נאָטיץ אין „פאָלקסצייטונג“.

י. י. טרונקס שריפט „יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם“ איז אַ קאַמף־שריפט. ס'איז אַ שטים פון אַ יידישן שרייבער צו דער יידישער שרייבער־משפחה, און אומאָפיציעל — אַ שטים פון אַ יידישן אינטעליגענט צו דער יידישער אינטעליגענץ.

„יוגנט־וועקער“, ווארשע. פרידע

י. י. טרונקס בוך „יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם“ איז אָנגעשריבן אין גוט פאַרשטאַנענעם אינטערעס פון אונזערע נויטן. — — — י. י. טרונקן ברענגט צום סאָציאַליזם אונזער געשיכטלעכע דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה.

„דער קריטיקער“, ווארשע. א. ל. גאָרין

— — — אין זיין בוך : „יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם“ פירט י. י. טרונק דורך לאָגיש און קלאָר — — — דעם געדאַנק, אַז אויפריכטיקער און קאָנסעקווענטער יידישיזם מוז פירן צום סאָציאַליזם.

„לובלינער שטימע“, נומ. 45, 6. 11, 1936. וואָכיק

# „נאָענט און פרעמד"

— — — דאָס בוך „נאָענט און פרעמד" איז געשריבן אין
אַ פיינער, געטאָקטער שפּראַך, מיט אַ זויבערן געשמאַקפולן
סטיל און איז באַהויכט מיט אַ העכערן, זעעלישן אָטעם, וואָס
לאָזט נישט דאָס געמיט רוען און וועקט ביים לייענער פאַרשי־
דענע רעפלעקסן, אַזוי אַז עס איז באמת אַ גייסטיקער גענוס זיך
צו פאַרטיפן אין דידאַזיקע עסייען, וואָס אויב אַפילו מיר זע־
נען נישט מסכים צו דעם מחבּרס אַלע אויספירונגען — פאַר־
טיפן זיי אָבער אונזער בליק און מאַכן רייכער און קלאָרער
אונזער וויסן בנוגע די אַלע ענינים, וואָס ווערן אין דעם בוך
באַרירט. — — —
בכלל איז „נאָענט און פרעמד" אַ שטאַרק בוך, וואָס
יעדער אינטעליגענטער לעזער דאַרף זיך מיט אים באַקענען.

„מאָמענט" נומ. 69, 20 .3, 1936. יקיר וואַרשאַווסקי

— — — י. י. טרונק איז אַ שריפטשטעלער, וואָס גיט־אַרויס
ווערטפולע, ערנסטע ביכער. — — — אין זיין בוך „נאָענט און
פרעמד" גייען־אַריין אַרבעטן וועגן „יידישן סטיל", אָסקאַר או־
איילד, י. ל. פּרץ, קנוט האַמסון א. אַ.
י. י. טרונקס צוגאַנג צו קונסט וואָלט איך באַצייכנט:
דער גלויבן אין קונסט. — — אַז איר לייענט אים, נייגט זיך אייער
געדאַנק צו מיינען, אַז קינסטלעריש שאַפן — דאָס איז דער איינ־
ציקער אמת אויף אונזער ערד. — — — אין י. י. טרונקס פאַר־
טראָג דערטאַפּט איר אַזאַ פאַרסודעטקייט, אַזאַ ווייכקייט, אַזאַ
פרומקייט, וועלכע איז ווי אויסן אייך צו פאַרטרויען, אַז קינסט־
לערישע טעטיקייט איז די גאַנצע וועלט און אפשר נאָך מער:
דער כּוח איבער דער וועלט. — — — איך וואָלט געזאָגט: קונסט
איז די רעליגיע פון די שענסטע מענטשן צווישן
די רעליגיאָנסלאָזע. — — —
ווען מען לייענט י. י. טרונקס עסייען וועגן קונסט־פראַגן,
באַמערקט מען כּמעט אַ שעמעוודיקייט, גלייך ווי דער מחבר
וואָלט זיך געשעמט מיט דער העזה צו וועלן פאַרשטיין די סובּ־
סטאַנץ, פאַר וועלכער ער בוקט זיך, צו וועלכער ער דינט, אין
וועלכער ער גלויבט. — — — י. י. טרונקס טאָן איז אַ קילער, אַן



עלעגישער, אַ פאַרבענקטער, ער וויל פאַרפלאָנטערטע געפילס־
ענינים דערקלערן פאַר זיך אַליין, און דערקלערן פאַר יענעם. —
און דערקלערנדיק, ווערט י. י. טרונק פאַרחלומט אין
אומעטיק, זייער אומעטיק, און וואָס ער זאָגט, איז אַן פּאָזע,
אָן קאָקעטעריע, עס איז אויפריכטיק, עס איז מענטשלעך. — — —
כ'האָב אַ פּאָר מאָל איבערגעלייענט אין טרונקס בוך
דעם אויפזאַץ: „די וועלט אַ חלום" — און כ'האָב גע־
טראַכט: יאָ, די וועלט איז אַ חלום... אויך די קונסט איז אַ
חלום, און אַז אַ מענטש וויל אַמאָל אַן אָנהאַלט האָבן, ער וויל
אַ טרייסט געפינען, ער וויל נאָך גלויבן אין דער וועלט, —
גלויבט ער אין דער קונסט.
י. י, טרונק איז אַ קונסט־גלויביקער.

„הײנט", 14 .2, 1936. ישראל שטערן

י. י. טרונק האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג,
„יידישיזם און יידישע געשיכטע", (באַשטאַנדטייל פון „נאָענט און
פרעמד"), אַ פּרעכטיקע אַרבעט, גרינטלעך און זאַפטיק. — — —
עס איז אַ פּאָלעמיק, וואָס פירט־אַרויף די פראַגע „העברעיש—
יידיש" אויף אַ פלאַך פון אַ וועלט־פּאַרנעם. — — —
י. י. טרונקס אַרבעט מוז מען לייענען. עס איז אַ גוט
אויסגעבויטע און פיין־אויסגעפילטע געדאַנקען־קאָנסטרוקציע, —
אפשר די ערשטע פון דעם מין אין אונזער קולטור.

„מאָמענט". ב. קאַרלינוס

— — — אין זיין אינטערפּרעטאַציע פונם וועזן פון יידישן סטיל
(אין „נאָענט און פרעמד")—בפרט וואָס נוגע דעם באַוווסטזיין פונם
יחיד וועגן זיין צוגעהעריקייט צו דער געמיינשאַפט,—ווייזט י. י. טרונק
אַרויס, ווי אין זיינע אַנדערע אַרבעטן, זיין אָפּהענגיקייט פון דער
אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישער קאָנצעפּציע פון אַלפרעד אַדלער. — —
י. י. טרונקס אָנשויונג וועגן קונסט איז ענלעך צום ערשטן
פּעריאָד פון ניטשעס פילאָזאָפיע, וועלכער האָט דעמאָלט גע־
גלויבט אין דער דערלייזנדיקער קראַפט פון דער קונסט. — — —

„נאַש פשעגלאָנד", ווארשע. לעאָ פינקעלשטיין

— — — „נאָענט און פרעמד" איז בּיז גאָר אינטערעסאַנט,
און אין געוויסן זין אַפילו סענסאַציאָנעל. — — — אין דערדאָזי־

שוין דערשינען:

י. י. טרונק

## שלום=עליכם

(זיין וועזן און זיינע ווערק)

אינהאַלט:

צום לעזער. קליינע מענטשעלעך. די יידישע פסיכיק און די היס־טאָרישע באַדינגונגען פון איר אַנטוויקלונג. מאָנאָלאָגן. ראָמאַן און טעאַטער־שפּיל. קאַסרילעווקער קינדער. שלום־עליכם— שלום ראַבינאָוויטש.

445 זייטן אויף האָלץ=פריי פּאַפּיר מיטן בילד פונם מחבר.

## אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור

(טענדענצן און וועגן פון אונזערע מאָדערנע שריפטשטעלער)

אינהאַלט:

קאָמעדיאַנטן (אַריינפירנדיקע געדאַנקען). שלום אַש. י. מ. ווייסענבערג. עוזר וואַרשאַווסקי. אויף די וועגן צו דער וועלט. „נאַציאָנאַלע" דיכטונג.

## צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט

(ה. ד. נאָמבערג)

(פּרוּוון פון אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק)

אינהאַלט:

פליגעלמאַן. דאָס מערבען. געמיינזאַמקייט.



## יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים

און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן

אינהאַלט:

דער פעלדהער יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים. סימפּאָזיאָן. אָבערגלויבן. גילגאַמעש. דער בריוו צו נאָוואַטוסן.

## יידישע קולטור=פראַגן און דער סאָציאַליזם

(Pro domo nostra)

אינהאַלט:

עטלעכע ווערטער אַלס הקדמה. נאַציאָנאַלע אַטריבוטן. ראַסע און נאַציע. יידיש—דער נאַציאָנאַלער אַטריבוט. צי זענען יידן אַ נאַציע? דער סאָציאַליזם און די יידישע נאַציע. דער „בונד". דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד". גמזינונג און אייגנשאַפט. די יידן, וואָס קריגן די פעטש. האַהאַוואַראַ האַספּאַראַדיט. די פּערספּעקטיוון. רוף צום סאָציאַליזם.

## נאָענט און פרעמד

(עסייען)

אינהאַלט:

די פּסיכאָלאָגיע פון יידישן סטיל. קונסט און ווירקלעכקייט. קין. די וועלט אַ חלום. קנוט האַמסון. י. ל. פּרץ. יידישיזם און יידישע געשיכטע.